STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08420

SNITKIV MAYN SHTETL

Y. L. Malamut

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוד לאמעד מאלאמוט

*

סניטקיוו, מיין שטעטל

יובל - אויפלאגע

יוסף לאַזאַר מאַלאַמוט

סניאַטין מײַן שטעטל

לידער און רעציטאַציעס

הויפּט-פאַרקויף: פאַרלאַג י. ל. פּרץ-ביבליאָטעק, תל-אביב
1960

י. ל. מאַלאַמוט / סניטקיוו מיין שטעטל

SNITKIV, MEIN SHTETL
YUD LAMED MALAMUT

נדפס בישראל 1960
Printed in Israel

פאַרקויף אין ניו־יאָרק: „די פעדער", א. קארלין
220 E. 11th St., New York 3, N. Y.

ביי דעם מחבר:
30 Weitzman St., Tel-Aviv, Israel

דפוס „אורלי", יסוד המעלה 27, תל־אביב, טל. 32062



יוד לאַמעד מאַלאַמוט

הקדמה פון א. א. ראָבאַק

אַז פריינט מאַלאַמוט האָט מיך געבעטן צו שרייבן אַ פאָרוואָרט צו זיין בוך, איז מיר די זאַך געוועזן קשה: „ווי קומט שאול צווישן די נביאים?" האָב איך זיך געטראַכט, און וואָס קער זיך אָן אַ מענטש פון דער וויסנשאַפט מיט הו־מאָרעסקעס? און עס איז שוין געווען גרייט דער סקאַרבאָווער ענטפער אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן, דהיינו, „עס פאַדריסט מיך ביז גאָר, נאָר זייענדיק שטאַרק פאַרנומען, וועל איך נישט קאָנען דערפילן אייער בקשה", און דאָס וואָלט נישט געווען גלאַט אַ תירוץ.

דערווייל האָט זיך גענומען דערמאָנען די מאָנטרעאַלער תקופה, „דער קענעדער אָדלער", די ליטעראַרישע אָוונטן, די יונגע זאָרג־פרייע יאָרן ווען עס האָט זיך אָנגעקניפּט די באַקאַנט־שאַפט מיט פריינד מאַלאַמוטן — און נאָך אַלע־מען דער גרעסטער מליץ יושר פאַר אימיצן איז די סדרה יוגנט־זכרונות.

דאָ איז שוין אַרויפגעקומען אויפן זינען אַ גאַנצע קייט זכרונות, למשל, אַז אין די גוטע אַלטע צייטן, ד. ה. אין די יונגע סטודענטישע יאָרן, האָב איך געדרוקט צענדליקער פעליעטאָנען סיי אין יידיש, סיי אין ענגליש, אַז איך האָב אָנגעשריבן ווינציקסטנס אַ טוץ אַרטיקלען איבער הומאָר, אַז אין מיין קורס איבער דער

קולטורעלער פערזענלעכקייט גיב איך אָפּ 5—6 לעקציעס איבער דער טעמע „הומאָר", און אַז אין דעם שלום-עליכם-בוך אָדער „פּאַנאָראַמע" ווי עס הייסט, איז מיין אָפּהאַנדלונג איבער שלום-עליכמס הומאָר, די לענגסטע אין בוך, און ועל כולם אַז איך האָב געשאַפן דעם ערשטן טעסט אויף אויסצוגעפינען דעם גראַד חוש פאַר הומאָר וואָס איינער האָט. — נו, מיט אַזאַ אַנ־שפּאַר דוכט זיך האָב איך שוין אַ שטיקל באַ־רעכטיקונג צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אַ הומאָריסטיש בוך.

הגם דאָס מאַטעריאַל איז מיר שוין געווען באַקאַנט צום גרעסטן טייל פון פריער, האָט נישט געשאַדט פונדעסטוועגן איבערצולייענען נאָכ־אַמאָל די מעשיות. לאַכעדיקע זאַכן (אייגנטלעך וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן „לאַכמאַכעדיקע") לאָזן זיך לייענען אפילו אַ דריט מאָל אויך.

ס'איז מיר אַלעמאָל געווען אַ חידוש וואָס מאַ־לאַמוט האָט זיך נישט בעסער אַרויסגעזען אין אונדזער ליטעראַטור. ער איז אַ גוטער זשורנאַ־ליסט, ער האָט אָנגעשריבן מער ווי איין ניש־קשהדיקן ראָמאַן, און איז דער מחבר פון אַ פּאָר טעאַטער-שטיק. און ער איז אַ הומאָריסט וואָס האָט אַ סך גענאַשט פון שלום-עליכמס נוסח און ער שרייבט אַ געלייטערטן פאָלקסטימלעכן יידיש, טאָ פאַרוואָס הערט מען נישט פון אים ווי פון אַנדערע שרייבער? כאָטש ער איז שוין אַריבער די זעכציקער, נישט קוקנדיק וואָס כמעט קיין איין זשאַנער איז אים נישט פרעמד (אפילו זכרונות און קינדער-מעשיות). דוכט זיך, אַביסל איז דאָ שולדיק זיין כסדרדיקער וואַנדערן פון איין פּראָווינץ-שטאָט צו אַן אַנדערער. אין ניו־יאָרק איז מען געוווינט צו מעסטן מענטשן וואָס

שרייבן געאָגראַפיש. פאַר ניו־יאָרקער איז איין מאָס, פאַר די פּראָווינצער, אַן אַנדער מאָס. אויך פעלט מאַלאַמוטן דאָס וואָס ווערט אָנגערופן אויף ענגליש Singleness of Purpose — אַ שרייבערישע ציל־באַוווסטקייט, און עס זענען דאָ מסתמא אַנדערע סיבות, פּערזענלעכע אויך.

ווי שוין אָנגעמערקט איז מאַלאַמוטס שרייבן אַ שפּילעוודיקס. עס ווייזט אויס, אַז ער שרייבט מיט אַ לייכט געמיט, און דאָך איז פאַראַן אין דעם בוך פאַר אונדז אַן ערנסטער פאָדעם. נישט אַלע זאַכן וואָס געפינען זיך דאָ זענען פון איין מין, און ווען איך בין דער רעדאַקטאָר וואָלט איך אפשר אַ פּאָר אויסגעלאָזן, הגם אַ סך לייענערס קאָנען אפשר אָנקווענען פון זיי.

אין מאַלאַמוטס בוך האָבן מיר סאַטירע, פּאַראָדיע און הומאָרעסקעס פון דעם אַלטן שניט, אויך פּאָעזיע. סאַטירע פאָדערט אַ קולטורעלן צוגאַנג, און מיר דוכט זיך, אַז אַזעלכע זאַכן ווי „באַנקעטן און באַנקעטעלעך", „איציקל", „מיין אָפּשיידס־אָוונט" האָבן אַ קולטורעלן טעם. זיי ברענגען אַרויס די שוואַכקייטן בולט, זיי זענען אָבער פאָרט רעאַליסטיש, און ווו עס רעדט זיך וועגן שרייבער, קולטורעלע אינטעליגענטן, מוז דאָס אַפּעלירן צו אַזעלכע. די גלאַט הומאָרעסקעס ווידער, ווי „אין דער פינצטער", „אינקוויזיציע", „קריזיס", זענען שוין שאַרזשירט, באַזאַלצן, קאָנען זיי אַפּעלירן צום אַמכאַ, צום געוויינטלעכן טעאַטער־עולם וואָס קוועלט פון גוזמאות.

פּאַראָדיעס זענען אַלעמאָל געווען פּאָפּולער ביי יידן. דאָס פּורים־שפּיל איז דאָך אייגנטלעך אַ פּאַראָדיע אויף מגילת אסתר און די דרשות פון פּורים־רב, זענען דאָך אוודאי פּאַראָדיעס. אויף דער גמרא זענען פאַראַן צענדליקער פּאַראָדיעס (ווי מסכת שכורים, מסכת אַמעריקע), און אויף דער הגדה איז שוין געווען אַ קימא לן

צוצופּאַסן די פאַרשידענע עפּיזאָדן און זאָגענישן צו די לופיקע געשעענישן. היינט ווער פון די עלטערע מענטשן געדענקט עס נישט די תפילה זכאי׳ם פון פאַר פערציק יאָר?

צו שאַפן אַ גוטע פּאַראָדיע מוז מען זיין אָפּגע־היט ספּעציעל מיט די קליניקייטן, וואָרים אָט די קליניקייטן שאַפן דעם איינדרוק, די אַטמאָס־פער. גוזמאות און שאַרזשן גייען דאָ נישט. דער הומאָר איז דאָ אַ דעליקאַטער, אַ דינער, און וואָס מער גייסטיק, אַלץ טיפער דרינגט ער אַריין.

אין מאַלאַמוטס בוך האָבן מיר אַ מגילת אסתר מער צוגעפּאַסט צום פּשוטן טאָגצייטונג־לייענער ווי צום אינטעליגענט. די היטלעריאַדע איז שוין אַביסל פאַרעלטערט, נאָר עס זענען פאַראַן אַזוי פיל מגילות, טאָ זאָל זיין נאָך איינע, וואָס קאָן אַרויסרופן אַ הייטערע שטימונג.

וואָס איז שייך די פערזן, האָבן זיי אַ פאָלקס־טימלעך פּנים. די קורצע שורהלעך פון „קרום געבוירן" האָבן דעם ריטם פון פּרצס „מאָניש", הגם דער תוכן איז אינגאַנצן אַנדערש. פון די „פאָרטרעטן" ווייעט אַ נאָסטאַלגיע — קאַפּע ראָיאַל ווערט דאָ באַשריבן, און די ליטעראַטן מיט די אַקטיאָרן ווערן דאָ כאַראַקטעריזירט גאַנץ בילדלעך, אָט די פּאָעמע, ווי אויך די סניט־קיווער פערזן, האַלט איך פאַרן בעסטן אויפטו.

עס איז אַ שאָד וואָס מאַלאַמוט, מיט זיין שפּראַך און טעכניק, האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מער מיט פּאָעזיע. אויף דעם קאָן איך זיך אונטער־שרייבן אַז עס זענען דאָ פּאָעטן מיט אַ נאָמען ביי אונדז, וואָס שרייבן נישט בעסער — ערגער האָט קיין שיעור נישט. הפנים עס האָט אים אויסגעפעלט אויסדויער, שרייבערישע אַמביציע, לאַנג־אָטעמדיקייט, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט צו שפּעט.

מאַלאַמוט איז איינער פון אונדזערע בעסערע

הומאָריסטן. וואָלט ער מער געשריבן, וואָלט ער זיך מער אַרויסגעזען. הומאָר איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אין גוטן הומאָר שטעקט פּסיכאָלאָגיע. דאָ מוז מען אָנטאַפּן דעם דופק פון אינצידענטן. סיי ביים אויסלאַכן, סיי ביים אָפּלאַכן, און אפילו ביים לאַכן סתם דאַרף מען וויסן וואָס אַזוינס רופט אַרויס דאָס געלעכ־טער. ס'איז תמיד פאַראַן אַ רעאַליסטיש פּינטע־לע, סיי אין סאַטירע, סיי אין פּאַראָדיע, סיי אין הומאָרעסקעס און אפילו אין גראָטעסקעס, און מאַלאַמוטס בוך פאַרמאָגט אָט דאָס פּינטעלע און פאַראייניגט אויך דאָס פּינטעלע ליטעראַטור.

א. א. ראָבאַק

קעמברידזש, מאַסאַטשוזעטס.

הקדמה פון מחבר

כ׳באַטראַכט עס פאַר אַ זכות צו האָבן דער־גרייכט מדינת ישראל. נאָך אַ גרעסערער זכות איז צו בלייבן אין ישראל, און העלפן מיט אַלע כוחות משפיע זיין דורך דער פען אויף מיינע אַמעריקאַנער לייענער צו קומען און טאַקע בלייבן אין ישראל.

נאָר דעם גרעסטן זכות באַטראַכט איך וואָס מיין ספר „סניטקיוו, מיין שטעטל״, מיין ספר־היובל, ווערט אַרויסגעגעבן אין מדינת ישראל.

בלייב איך אַ בעל־חוב מיינע טייערע, בני־עיר, און אַ צאָל גוטע פריינט, וועמען איך ווידמע מיין „סניטקיוו״. אָן זייער הילף וואָלטן נישט מעגלעך געווען די אַלע זכיות!

יוד לאַמעד מאַלאַמוט

תל־אביב, חנוכה, תש״ך

סניטקיוו מיין שטעטל

געווידמעט: טש. און טילי גאָלד

א

סניטקיוו, מיין שטעטל,
די גרויס ווי אַ געניץ,
נישטאָ אויף דער מאַפּע
אפילו אַ פּעניץ,
דאָך איז עס אַ כרך,
לויטער מיט מעלות,
עס פּייפט דאָרט דער ווינט,
עס זינגט דאָרט דער דלות,
אין הייזער, אויף דעכער
פון טשערעפּ און שטרוי,
הייזער אין שכנות
פון ייד און פון גוי.
און שויבן אום ווינטער
וואָס זענען צעבראָכן,
פאַרשטעקט מען מיט שמאַטעס
די שפּאַלטן, די לעכער.
דערפאַר אָבער, שבת,
מאַכט מען דאָרט קידוש,
אויף ראָזשנקע־וויין
פון זילבערנעם בעכער.
שבת איז יעדערער
דאָרט אַ בעל תפילה,
און לייענט אייך די סדרה
מיט טראָפּ ווי מגילה.
אַ יינגל ווי איך
געוואָרן בר מצווה,
וואָס איז דאָ צו קלערן,
עס וואַרט שוין אויף מיר
אַ חדר, אַ קנעלונג.
טאַקע אין דערפער
קנעלן מיט קינדער אָן אַ שיעור.

אַ גאַנצן זמן פֿאַר קערבלעך פֿיר.
דאָס איז סניטקיוו, מיין מדינה,
דאָרט בין איך עס געבוירן,
צוריק מיט זעקס און זעכציק יאָרן,
נעכט און טעג ביי דער גמרא,
ביי אַ שטיקל ליכט פֿון חלב,
אין בית המדרש דעם אַלטן,
אין דעם פֿינצטערן, דעם קאַלטן,
נישט דערשלאָפֿן, נישט דערעסן,
האָב איך איצט אין דעם דערמאָנט זיך,
און איך קאָן עס נישט פֿאַרגעסן.

ב

טרעפֿט מיר אָפֿט איך ווער פֿאַרלוירן,
אין דעם קאָך און רויש און טומל
צווישן הייזער־הימל־קראַצער,
וואָס שטייגן ווייט אַריבער „בבל",
און איך זוך פֿאַר זיך אַ טרייסט,
אַז איך זאָל ווערן אויסגעלייזט,
שווימט מיר אויף אין מיין זכרון
אַ בילד פֿון מיינע קינדער־יאָרן.
ווערט מיין זעונג
שאַרף און קלאָר,
איך זע חלומות
אויפֿן וואָר,
ווערט מיר סניטקיוו
ליב און טייער,
און עס שליסן זיך די אויגן,
ברענט אַ בענקשאַפֿט,
ווי אַ פֿייער,
איך וואָלט צוריק אַוועקגעפֿלויגן!
— — — — — —
ווער מיר עלטער,
וואָס מיר יאָרן?

וואָס איז לעבן
מיט אַ סדר?
ס׳איז מיר דרייצן
ערשט געוואָרן,
כ׳בין ערשט היינט
אַרויס פון חדר!

ג

פרגעס איך זיך
אין היינט און מאָרגן,
און געדענק נאָר דעם — אַמאָל
ווער איך פריי
פון אַלע זאָרגן,
און זע בילדער אָן אַ צאָל.
לויפט דער שמש איבער סניטקיוו,
ערב שבת בין השמשות,
און ער רופט: אין שול אַריין,
און דער טאַטע,
נאָכן מרחץ,
איז זיך עוסק
מיטן ווייַן.
און עס שליסן זיך
די קלייטן,
לכבוד שבת שאַ און שטיל,
און די מאַמע
צינדט די בענטש־ליכט,
אירע פרומע ליפּן קושן,
בענטשן, גלעטן מיין געזיכט,
מיט אַ ציטערדיק געפיל.

ד

אויסגעגאָסן ווי אַ חלום,
שוועבט דער שבת איבער סניטקיוו,

שטיל און רויק, שבת-פרידן,
קידוש, זמירות זינגען יידן,
אַזוי פּירט מען זיך אין סניטקיוו,
דאָרט וועט אייביק אַזוי בלייבן.

* * *

נאָר איך בין ווייט און פרעמד פון דאָרטן,
אַ שומר אין אַ פרעמדן גאָרטן,
אַזוי וועל איך שוין איבער וועלטן,
ווייטע, קאַלטע, אייביק וואָגלען,
נע-ונד וועל איך שוין בלייבן.

ה

נישט מיט שיפן נישט מיט באַנען,
אפילו נישט מיט עראָפּלאַנען,
קאָן איך מיינע קינדער-יאָרן
וואָס שוועבן איצט אין מיין זכרון,
נישט דערגרייכן, נישט דעריאָגן,
וויל איך כאָטש מיט פאַרבן בלייכע,
ווערטער האַלבע, נישט דערזאָגטע,
אויסזינגען מיין גלות-לעבן,
וואָס מיך פון סניטקיוו האָט פאַרטריבן,
פון מיין שטעטל, פון דעם ליבן,
שטילער אָפּגלאַנץ פון מיין יוגנט,
פול מיט גלויבן און מיט פייער,
ביסטו אַלץ ביי מיר נאָך הייליק,
סניטקיוו, ליבע, ביסט מיר טייער,
גיי איך איצטער, אויף דער עלטער,
מיש אויף סניטקיוו, אין זכרון,
שוועבן ווידער פאַר מיר בילדער
פון די פריעסטע קינדער-יאָרן,

זוך איך נישט קיין שיינע ווערטער
צו באַפּוצן מיינע רייד,
נאָר איך זע צוריק מיין סניטקיוו
פּונקט אַזוי ווי קליינערהייט.

אַ פרימאָרגן פאַר אַ יאַריד

א

אַ פּיצל שטעטל אין פּאָדאָליע,
סניטקיוו הייסט עס, שמ׳ט מיט בלאָטעס,
אין די בלאָטעס שטעקן שטיבלעך חנ׳וודיקע
גריבלעך,
נישטאָ קיין גאַסן, קיין בולוואַרן,
נאָר טאַראַוועצע, שטאָט טראָטואַרן,
וווּ צעשפּרייטע מעלה־גירהדיקע ציגן,
פרום־באַבערדלטע ליגן,
גלאָט זיך אַזוי, קייען דאָס שטרוי,
פון סניטקיווער דעכער, אַביסעלע העכער.

ב

אין אַ מאַרק־טאָג, קולות, יללות,
דרייען זיך יידן, צעלאָזן די פּאָלעס,
מ׳נישטערט, מ׳קלעטערט,
מ׳ציטערט, מ׳פּלאָטערט,
מ׳טאַפּט איינס און צוויי,
די הון וואָס מען דינגט,
צי האָט זי אַן איי.
מ׳צאַפּט דזשעגעכץ און סמאָלע,
מ׳כאַפּט הינער אין פּאָלע,
אַ קאַטשקע, אַ גענדזל,
ציבעלעס אַ קרענצל,
אַנטשערעס מיט טעפּ,
קאָצאַפּעס מיט צעפּ,
און בעטלערס האַלב בלינדע,
מיט גראָבע באַנדורעס,
אַלץ אָנגעלאָפן, און פּונקט ווי געטראָפן
צו דעם יאַריד, פון סניטקיווער ייד.

ג

אַלע טאָג כּאור הבוקר,
דאַוונט סניטקיוו צוויי מנינים,
דאַנקט דעם בורא פאַר זיין תורה,
זיין גענאָד און געבאָט
און פאַרן עמוד שאָקלט זיך
באַם ערשטן מנין פונעם צעך,
משה באָנדער מיט אַ קול פון בלעך.
אַריין אין שול דער ערשטער,
האָט ער זיך באַוואָרנט,
שטייט ער שוין ביים עמוד,
דאַוונט שוין פון פאָרנט.
הערט נישט וואָס, ווייסט נישט ווען,
אָבער פאָרט — יידישער ברען,
שלעכטע עברי, טערפּקע ווערטער,
דערפאַר אָבער קלאַפּט ער צו,
טרעפט ער ווו נישט ווו,
צום טאַקט מיט אַ קנאַק,
ווי איבער האָלץ מיט אַ האַק.
געסאָפּעט שווער ביים איינשפּאַנען זיך
אין טלית און אין תפילין,
זעט ער אויס ברוין און בלאַס,
האָט געהאָרעוועט נאָך שווערער
ווי אַרויפצעשלאָגן רייפן אויף אַ פאַס.
נאָר וואָס העלפן דאָ די קונצן,
פאַרן עמוד דאַוועגען איז „דאַוואַי!”
אשרינו מה—טוב חלקינו ומה—
נעים גורלינו ומה—
יפה ירושתינו א—
שרינו כשאָנן מ—
שכימים ומע—
(די ווייטערדיקע שורהס זענען די ווערטער
אַביסל צו שווער, היפּעט ער זיי אינגאַנצן איבער).
צום סוף דערפרייט ער זיך ווידער:

עס קומט אים אַנטקעגן אַ שורה מיט אַ גרויס
וואָרט:
שמע ישראל ד. אלוהינו ד. אחד!!!!!
כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם ווי נאָך אַ שווערן טאָג
אַרבעט,
ווישט זיך דעם שווייס מיט דער האַנט,
באַ-אחד-בלייבט ער שטיין ווי ביי אַ וואַנט.
איצטער איז ער גלייך מיטאַלעמען.
קעגן-אחד-איז נישטאָ קיין קלענער, קיין גרעסער.
טראַכט ער: שוין! דאָ איז דער סוף!
איי, איי, רבונו של עולם, אוי, אוי,
שיק עפּעס צו אַ גוטנקען גוי,
מיט אַ צעטרוקנט פּעסל,
אויפצושלאָגן אַ פּאָר רייפן,
אויף פּרנסה, גאָטעניו,
איי פּרנסה, ...
אין שול איז טויט שטיל,
פּרנסה פּעלט אַלעמען,
נישטאָ קיין ווערטער מער,
אַרויסרעדן איז שווער,
מענטשן לעכצן, זיפצן, קרעכצן:
— איי, איי, איי,
— אוי, ווײ, אוי, אוי,
אָך אָך, אָך, עך!
איינעם אַ יידן,
איז שוין גאָר ביטער,
עס דערגייט שוין ביזן ביין,
וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די בושה
און פאַרגייט זיך אין אַ געוויין.
פאַרגלאָצט די אויגן צום אָרון-קודש,
צום פּרוכת מיט די ספרי תורות,
און צעווײנט זיך דוקא
ווו מען דאַרף נישט —
ביי פּטום הקטורת......

ד

נאָר צו־ הודו־ באַם עמוד,
מאיר הירש דער מלמד
צעטרעלט זיך, צעקוועלט זיך,
מליצה, כוונה, אַ געוואַלד, אַ סכנה,
זים, מיט אַ קולכל פון אַ יונג הענעכל,
צעזינגט זיך אַזוי:
— הודו לאדוני קראו בשמו,
הודיעו בעמים עלילותיו .....
שאָקלט זיך ביי יעדן זייטל,
ווי באַם קנעלן מיטן טייטל,
עס גייט אַ דאַוונען, אַ מזמור,
און ער טראַכט זיך: זעט, יידן:
איר שיקט דאָך מיר קינדער, צניפלעך,
בין איך אייך אַ דרדקי מלמד, וואָס דען?
אָבער אין תוך גערעדט,, איך אַליין, איך קען...
איך קען, אי פירוש המלות, אי נוסח,
איך קען, איך קען, אַ סך...
און איידער שוסטערס, שניידערס,
שפּאַנען אוים פון זיך רציעות,
תפילין און טליתים,
איז שוין פול די שול מיט יידן, חסידים,
וואָס שמועסן פון אַ וואַזשנעם ענין,
חסידים גאַרטלען זיך
און גרייטן זיך צום צווייטן מנין.

ה

דאַוונט איציק סופר,
מיט אַ קול פון שופר,
מיטן טלית איבער קאָפּ,
פייער נישט קיין ווערטער,
פליט ווי גאַלאָפּ,

— איי, איי, איי,
— אוי, אוי, אוי,
און דאָס דאַווענען גייט אַזוי:
— אשרינו מה טוב חלקינו,
ומה נעים גורלינו,
ומה יפה ירושתינו,
אשרי ———— נו
כשאָנו משכימים ומעריבים
בבתי כנסיות ובבתי מדרשות,
ומיחדים שמך בכל יום תמיד
פעמים באהבה ואומרים:
ש־מ־ע יש־ר־אל אדו־ני אלו־הי־נו
אדו־ני א——ח——ד!!!!!
באַ אחד ווערט ער אינגאַנצן נישט.
ס'איז דאָ אַ גאָט, אַ תורה האָט ער געגעבן,
איז ער מקבל דעם עול תורה,
עס איז אים גוט, עס איז אים ווויל,
ווען נישט די תורה, וואָס וואָלט ער,
איציק סופר, אינגאַנצן געטאָן אויף דער וועלט?
צו הויכער שמונה עשרה
פאַרגייט ער זיך אין אַ תענוג,
עס איז אים זיס ווי האָניק,
ווידער הייבט ער אָן מיט זיין איי, איי:
— אדו־ני צב———אות
מלא כל הארץ כבו——דו
לעומ־תם משבחים ואומרים.
— איי ברוך כבוד א־דוני
— ממ—קו——מו———
באַ ממקומו, איז ער שוין אין הימל,
און באַ — ובדברי קדשיך —
זעט ער שוין אַ פייערדיקע תורה,
געשריבן מיטן אצבע אלוהים...

ז

דער פרימאָרגן פאַרן יאַריד

ליגט אויסגעצויגן אויפן פנים
פון יעדן סניטקיווער ייד.
איבער דער שול שפּאַנען יידן
שוואַרץ ווי די ערד,
פּעק מיט דאגות אויף די פּלייצעס,
באָרגן גמילת חסדים, גיבן זיך עצות,
מ׳לויפט אין אַ מישמאַש, אַ זיגזאַג,
אַהין און אַהער, אוי, פּרנסה,
ס׳ביטער, ס׳שווער.
שדכנים און מעקלער פון ווייץ און פּאַלאָווע,
אויפן מאַרק סאַמאָוואַרן מיט טיי און מיט קאַווע,
קלייען און רעטשקע, האָבער און סיעטשקע,
קאַלך און מעל, מ׳דאַוונט אויף שנעל,
מ׳מאָלט ווי אין אַ מיל,
נאָך מער ווי אין מאַרק
איז יאַריד שוין אין שול.
— ב־ך תה ני לי־מך, עולם
שלא סאני עבד
— ב־ך תה ני לי־מך עולם
שלא סאני גוי.
— ב־ך תה ני ל־מך עולם
שלא סאני אשה...
פלוצלינג וואַקסט אויס אַ פרעמדער ייד,
מיט אַ באָרד נישט שוואַרץ, נישט וויים,
נישט געל, נישט רויט,
נאָר סתם פאַרחשכט פון אייביקע דאגות,
און דחקות אין ברויט.
געקומען אַפּנים פון מרחקים.
אַזש יאַלטושקיוו,
פּרובירט ער מזל היינט
אין סניטקיוו.....
אַמאָל האָט דער ייד געהאַט נדן,
און קליידער, שבתדיקע,
צוויי קאַפּאָטעס,
היינט, שוין לאַנג דעם נדן
אויסגעהאַנדלט,

די שבתדיקע קאַפּאָטעס אויסגעטראָגן,
די מסחרים טראָגן אפילו נישט
אויף קיין וואָכעדיקער קאַפּאָטע,
געווען אַמאָל אַ יודע ספר,
שפּעטער געוואָרן אַ מוכר ספרים,
היינט — שוין אַ פּאַקנטרעגער.
פּאַרט אַ יום־טובדיקער דלות,
מ׳פאַרקויפט אַמאָל אַ ספר תורה,
אַמאָל אַ נייעם טלית.....
טראָגט ער אינדערוואָכן
אָן אָפּגעבליאַקעוועטע,
זיידענע קאַפּאָטע,
האָט זי שוין אַ פּנים
פון אַ שבת־דראַנקע,
גלאַנצט און טאַנצט אַרוים
פון איר דער דלות און שלים־מזל,
אַ רים פון פּאָרנט, וואָס פּאַסט זיך זייער
צום פּנים פון דעם יידן,
וואָס איז שטאַרק פאַרצאָרנט.
אין די גוטע צייטן,
אפשר נאָך אויף קעסט,
האָט דער ייד געהאַט
חזקה תמיד,
צו דאַווענען שבת, יום טוב,
אין יאַלטושקעוו פאַרן עמוד.
דעמאָלט איז דער טלית נאָך געווען
שפּאָגל ניי, דאָס פּנים לויטער,
אָן אַ דאגה, איז דאָס שבתדיקע געזאַנגעלע
געלאָפן מיט גדלות, אַרויף, אַרויף,
מיט אַ פלאַם, און מיט אַ טעם:
— בפי ישרים תתרומ——ם
— ובשפתי צדי—קים תתב—רך
— ובלשון חסי־דים תתק——דש
ובקרב קדושים תתה—ללללל!
היינט שוין לאַנג אַ נע־ונדניק,
דאָס פּעקל האָט שוין אונטערגעבויגן די פּלייצע,

צעריסן די קאַפּאָטע, האָט שוין אין יאַלטושקעוו
לאַנג פאַרן עמוד נישט געדאַוונט,
האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשק
כאָטש דאָ פאַרן יאַריד
צו ווייזן וואָס ער קען....
איז נישט פאַרן עמוד,
זאָל זיין פאַר אַ שטענדער....
אַ פּאַטש מיט דער האַנט,
זאָל זיין כאָטש אַ קדושה-וברכו....
נאָכאַמאָל אַ פּאַטש איבערן שטענדער,
אַ לויף אין פּאָרויס,
ווי איינער רעדט:
יידן, יידן, הערט אויס!
איך קען... איר וועט זען!
און ער צעשאָקלט זיך, צעוויגט זיך,
און מער ווי געדאַוונט,
ער צעזינגט זיך:
— ברכות והודאות
לשמך הגדול והקדוש
ומעולם ועד עולם
אתה אל.
נאָר דאָ פאַרגעסט זיך דער ייד,
אַז ער איז אין סניטקיוו
אין אַ פּראָסטן דינסטיק,
פאַר אַ יאַריד,
און במקום נוסח פון דערוואָכן
פון אַ פּראָסטן—קדושה-ברכו—
צעלייגט ער זיך אויף טעלערלעך,
ביז גאָט צו דאַנקען.....
ער איז פאַרקראָכן
אין דעם יום-טובדיקן נוסח.
דערהערן יידן אַז דער אורח,
נעבעך, בלאָנדזשעט אַרונטער
פון שטייגער, און וואַגלט
אין נוסח פון עולם התוהו,
איז דאָך שוין פשוט

אַ חרפּה, אַ בזיון,
קלאַפּט מען אין שטענדערס,
מ׳צעטראַגט דעם באַלעמער,
— נו, אַ, אי נו, האַ!!!
חלול השם, נוסח, האַ, שאַ!!!
באַגיסט דעם יאַרידניק אַ שוויים
שוין אַ קאַלטער
צעטומלט דערפילט ער, אַ שרעק,
אָט, אָט פאַלט ער....
ער ווייסט שוין, ער זעט שוין,
ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט....
פאַרלירט ער אינגאַנצן דאָס לשון, דאָס קול,
שטייט ער און קלערט צו זיך, — בקיצור, הכלל,
— מער וועט מען שוין קיין סניטקיוו
אויף יאַרידים נישט פאָרן,
שטייט אָבער אין אַ ווינקל אַ יידל, אַ לץ,
און קלערט זיך: אויב אַזוי,
איז דאָך דער אורח
אַן עם־הארץ, אַ גוי....
איז אַזוי ווי דער אורח
פאַרנויגט זיך: ב־ר־כו־
ענטפערט דער לץ אַ יום־טובדיקן:
— איי, איי, איי; איי, איי....
— האַ, האַ, האַ — האַ, האַ, האַ....
— איי, איי, איי, איי, איי, איי —
ענטפערט דער פרעמדער שוין בעל כרחו
אויף דעם יום־טובדיקן ברכו:
— את א־דו־ני המ־בו——רך....

ז

דערנאָך לויפט מען שוין צוריק, פאַרווּס,
מען זאָגט — עלינו, מ׳שפּייט אויס,
מ׳לויפט, מ׳פליט, אַ קליינקייט,
היינט איז דאָך עפּעס אין סניטקיוו יאַריד,

װיקלט מען רציעות,
װער אַראָפּ, װער אַרויף,
יעדער אײנער יאָגט זיך,
אָן עק, אַ סוף.
מ׳שטופּט זיך אין די גאַסן,
אײנער קײַט די באָרד,
אַ צװײטער שלינגט די סלינע,
נישטאָ קײן צײַט, אַזוי פיל זאַכן,
אַזוי פיל גױים אָנגעלאָפן,
קױפן בײַטן און פאַרקױפן,
אײדער אין די שענקן, די ערלים
װעלן זיך צעלױפן.
נישט געבליבן קײנער אין די חורבות,
אַלץ און אַלעם איז אויף טעראַװעצע,
און איבער די קולות פון די ייִדן
װאָס דינגען זיך מיט גױים
שרײַט אַריבער אַ װילד קול
פון אַ שטײַג מיט הינער:
— קװאָ, קװאָ, קװאָ, קװאָ, קװאָ,
— קװאָ, קװאָ, קװאָ, קװאָ, קװאָ,
נאָר אַ קאַטשקע, אַ גראַגער, קליגערט זיך
און יאָגט אַריבער די הינער
— קאַ, גאַ, גאַ, גאַ, גאַ, גאַ!!!
װאָס איז דאָ, װאָס איז, שאַ!
— עפּעס אײנע אַלײן אויפן יאַריד, האַ?!!!
און אַ יונג הענדעלע װאָס לערנט זיך קרײען
אַ גאַנצע װאָך אין דאָרף איז דעם ערשטן מאָל
אויפן יאַריד,
דערפילט עפּעס אַז הינטער די פליגעלעך
עס ציט און עס בריט,
שטעקט עס אַרוים אַ לאַנג װײַס קעפּל,
מיט אַ רויטן קעמל, ציט אויס דאָס העלדזל
דורך די גראַטעס פון דער שטײַג,
אַז עס איז אויף דעם אַ גאַנס רחמנות,
אָבער ער פירט אויס זײַנס:
און צעלאָזט זיך װי כוהנים דוכענען:

— קו־קו־רו־רו־ו־ו־ו־ו!!!.
שוין! ער קען שוין די גאַנצע תורה!!!
איז נאָכאַמאָל: קו ־ קו ־ רו ־ רו ־ רו!!!!
דערווייל האָבן לעמער דערשמעקט
אַז זיי זענען אויך מחותנים אויפן יאַריד,
נאָר עפּעס געפעלט זיי נישט,
דער קצב, דער ייד...
אַ באָרד אַ רויטע, אַ שטיק פייער,
ווי ביי אַ גזלן, דערצו אַ גראָבער בויך,
און אויגן ווי באַ אַ פעטן אָקס,
האָבן לעמער זיך צענויפגערעדט,
און אַלע ווי אין כאָר:
— מע, און מע, הכלל, נאָכאַמאָל — מע!
שטייט אַ קו ביי אַ וואָגן אָנגעבונדן,
און מעלה־גירה'ט שטרוי,
ענטפערט זי אויף איר שטייגער,
גייט, נאַרישע לעמער, נישט אַזוי!
אָט וועל איך אייך ווייזן,
נאָך גוט וואָס איך בין דאָ,
— מו מו ־ ו ־ ו ־ ו!!!!
פונקט ווי זי וואָלט לערנען,
קעלבלעך קמץ אלף,
און דאָס בהמה'שע קול
שניידט זיך איין אין האַרצן,
פון דעם יאַרידניק
ווי דער שאַרף פון חלף.
און פונקט איז אַזאַ פרימאָרגן
האָט אַ גוססע נשמה אויסגעהויכט
די לעצטע כוחות, פריי געוואָרן
פון אַלע זאָרגן,
טראָגט זיך פון דעם טהרה־שטיבל
אַ יאָמער און אַ קלאָג,
באַגלייט פון אַ כאָרכלענדיק קלינגען
פון אַ פּאָר קופערנע מטבעות,
אין אַ צעשטשערבעט ערדיש טעפל:
— צ־ ד־ ק־ ה־ ת־ ציל מ־ מ־ות!
עמיצער איז שוין געקומען צפאָרן פונעם יאַריד.

איציק זיסיע

אַ ייד, וועמען איך האָב געקענט
אין מיינע קינדער־יאָרן,
איז ער עד היום פאַרבליבן
איינגעקריצט אין מיין זכרון,
איז שוין היינט אין ליכטיקן
גן עדן,
אינייינעם מיט מיין עלטער־
עלטער־זיידן.

דערמאָן איך זיך אין איציק זיסיען,
פיל איך: אָט, אָט, גיי איך ניסן.
פון דער טאַבאַקע און קעראָסין,
פון דעם דזשעגעכץ און טוטין,
אַ ייד אַ סוחר, מיט אַ סקלאַד,
אַ גרויסן, וואָס פאַרמאָגט
אַזוי פיל סחורה, אַז האַלטן
מוז ער זי אינדרויסן...
אַ קופּע אייזן, רעדער צו אַ וואָגן,
אַ פעסל קעראָסין,
די קעפּלעך אויסגעצוואָגן,
פיש־אייל פאַר דער שקאַרלאַטינע,
ריצנאייל פאַר (מ׳טאָר נישט) אויס־
זאָגן.

נאָר פאַמעלעך, פאַרזיכטיק,
ווי איר גייט אַריין אין קראָם,
ווייל אינעווייניק, בײַ דער שוועל,
ליגט אַ שווערער, אייזערנער לאָם.
אָט דער לאָם ברעכט אייזן, רייפן,
עס נעמט אַזש אָן אַ גרויל,
ס׳שטעלן זיך אַדערן אַרום די שלייפן,
פּיענע ווייזט זיך אַרום מויל.

היינט די מעסטלעך, און די וואָג,

עס כאַפּט אַזש אָן אַ מורא,
אַ שטיין, אַ פּוד, אַ מאָס, אַ קוואָרט,
ווי אָנגעשריבן אין דער תורה....

אין אַ ווינקל כאַטש באַלעק זיך,
שטייט אַ זעקל מעליץ, מיט אַ היטל צוקער,
אַ זעקל זאַלץ, אַ סלאָי מיט שמאַלץ,
און אַ פּלעשל בוימל,
אַ שקאָרמיץ מיט ראָזשענקעס,
מאַנדלען אויף ל"ג בעומר.

אויף אַ טישל אַ צעבראָכנס,
אַ טוצנד פּייגן, אַ קעסטל ניסלעך,
האַלט זיך אויף משקולות,
אויף דריי אויסגעקרומטע פּיסלעך.

היינט ווו איז דער צימערינג,
און דער דער געלער אינגבער,
זאַפרין און בשמים-נעגעלעך,
שוואַרץ און רויטער פּעפּער.

און דער באָקסער האַרט ווי שטיינער,
באָקסער, באָקסער אָן אַ צאָל,
אָנגעקומען ערב חמשה עשר,
קיין סניטקיוו אַזש פון ארץ ישראל....

נו, און ציצית פאַרן ארבע כנפות,
ביינוול פאַר די תפילן-זעקלעך,
וואַקס און פאָדעם פאַר די קנייטלעך-לייגן,
שטריקלעך פאַר די פּעקלעך.

און אַז מען האַנדלט נאָך דערצו
מיט תבואה און מיט מעל,
איז אַ חידוש וואָס דאָס פּנים
זעט שוין אויס ווי פאַרמעט-געל?

און אַז מ׳שלעפּט אָפּ צוואַנציק יאָר
פּודן מיט משאות טאַקע פאַרן איבערבייסן,
מאַכט זשע נישט קיין טעות, מוז אפילו
אַ ייד אַ ריז, סוף כל סוף זיך אונטעררייסן...

דאָס קלייטל עפנט איציק זיסיע,
טאָג איין — טאָג אויס, כּאור הבוקר,
אין קלייטל ענדיקט ער מעמדות:
— אודה לאל לבב חוקר.

אַ גליק כאָטש וואָס אין קלייטל
איז דאָ טאַבאַקע צום שמעקן,
דערקוויקט זיך איציק זיסיע,
האַ... זיך ממש צום באַלעקן.

שטאָפּט ער אָן די ברייטע נאָז,
מיט די זעלבע פינגער,
וואָס געפּאָרעט האָבן זיך
ביי דעם פלעשל בוימל,
האַלבן קווערטל אָפּגעמאָסטן,
אויף צום בענטשן גומל...

פון די ריחות האָט איציק זיסיע
אָפּגעשפּאָרט אַן אייגן שטיקעלע קאַטאַר,
איז די נאָז פאַרלייגט און פאָנפעט,
פרעכניעט, זידט, ווי אַ צעגליטער סאַמאָוואַר.

רק אַ נישט־דערשלאָפענער,
אויסגעפרוירן פון דער קעלט,
פאַלט ער אַריין אין בית המדרש,
לייגט ער איין די וועלט.

הינטערן אויוון בּאַ דער הרובע,
זיין חזקה אויף אַן אָרט,
איז דער עולם גרייט שוין לאַכן
פון זיין זאָגן צוואַנציק מאָל אַ וואָרט...

עס צעוואַרעמט אים די הרובע,
ווי די תמוז-זון פון הימל,
און ביים דאַווענען פון פאַרנט
כאַפּט ער שוין געשמאַק אַ דרימל....

— איי, וזרקו, וזרקו, וזרקו, וזרקו, וזרקו,
— בני אהרון, וזרקו, וזרקו, בני אהרון, וזרקו
את הכוהנים, וזרקו, על המזבח. וזרקו,
את דמם, דמם, דמם, וזרקו, סביב, סביב, סביב.

שלאָפט ער איין, ביז גאָט העלפט,
דער חזן קומט שוין אַזש צו תחנון,
דער בעל תפלה צעלאָזט זיך,
נעמט זיך בעטן רחמים:

— איי תעבור על פשע ותמחה אשם,
כיום ויתיצב עמו שם,
— איי תאזין שועתינו ותקשיב מני מאמר,
כיום ויקרא בשם ד', ושם נאמר...

פאַלן יידן אָן אויף שטענדערס,
אויף באַלעמער און אויף פענצטער,
מ'זאָגט וידוי פאַר גראָשעדיקע חטאים,
און מען דאַוונט ווייטער...

נאָר אַז איציק זיסיע פאַלט אַוועק
צו תחנון אויף דער הרובע
אויף דעם לינקן עלנבויגן
פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַריבער,

הייבט ער אָן צו שוויצן:
— איי, תעבור, תעבור, תעבור,
תעבור על פשע, פשע, פשע, פשע,
תעבור על פשע, פשע, פשע, פשע,
פשע, פשע, פשע, פשע, פשע,
תעבור, איי, תעבור, איי, פשע,

דערנאָך צעסאָפּעט ער זיך,
צעכראָפּעט ער זיך,
שלאָפט ער איין אויפן עלנבויגן
איינגעשלאָפן, אַריבערגעבויגן.

אוי, אַז מ׳וואָלט אים געלאָזן,
וואָלט ער זיך דאָ אויסגעצויגן,
אַ מחיה באַ דער הרובע איינצושלאָפן,
ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט אים געטראָפן...

ערב שבת

ערב שבת אין מיין שטעטל,
איז אַ רעש און אַ טומל,
עס זידט און עס קאָכט,
מ׳קנעט און מ׳באַקט,
ממש עס שפּאַלט זיך דער הימל,
דאָ באַקט מען חלה, דאָרטן פלעצלעך
צימעס פּאַסאָליעס, מאלאי צום פאַרבייסן,
מ׳הייצט מיט שטרוי, און מיט קלעצלעך,
און אַז דער אויוון וויל נישט ברענען,
איז כאַטש זיך נעמען און צערייסן....

יאַרידניקעס מיט שווערע קוישן,
קומען אָן פון שטעט און דערפער,
פון ווארכיוועקע און ווערבאָוועץ,
פון זעגיוועקע, קוראַשאָוועץ,
פון יאַלטושקעוו און ווינקאָוועץ
פון לוטשינעץ, יאַרמעלינעץ,
מישטיינס געזאָגט, מסחרים,
אַביסל קלאָטשע און אַ פונט שטשעטשינע,
וואָס מען דינגט אוים באַ אַן ערל,
אויף חצי גויאיש, יידיש — פּאָלאָווינע.

פרומע יידן אין פאַראַסינענע זשאַקעטן,
מיט באָרד און פאות הינטער אָפּגעקראָכענע
קאַשקעטן,
קומען זיך צושלעפּן מיט די קוישעקעס,
אָוועקגעשטעלט איבער שבת, טאַקע הינטער
די בעטן.

מ׳ציילט אויף גיך דעם ריווח, גרויסע גליקן,
אַ גאַנצע וואָך געהאָרעוועט,
איצט, נישטאָ אויף וואָס צו קוקן.
ערב שבת נעמט מען מעלקן ציגן,
האָט נישט קיין פּאַריבל,

פירט מען ציגן מעלקן,
טאָקע אינעם שטיבל.
און אַז גאָט העלפט
פאַרגלוסט זיך אַ יינגל, אַ לץ,
פונקט אין מיטן מעלקן, אַ דריי טאָן
דאָס ציגל פאַרן עק,
פאַרטשעפּעט זיך דאָס ציגל
מיט הערנער און מיט פיסלעך,
נעמט עס שפּרינגען איבער בעטן, טישן,
אוי, געוואַלט, אַ שרעק!
דערפאַר, אָבער, ווען מען שבת
טרינקען מילך מיט ציקאָריע,
און אויף שבועות, מ׳זאָל דערלעבן
קעז און פּוטער אויסשלאָגן,
מ׳זאָל נאָר דעם ציגל נישט געבן קיין עין־הרע.

ערב שבת, אַ מחיה, ממש זיך באַלעקן,
חנאַ בעדער, ווי מיט טאַצן פּויקט,
מיט אַ שטעקן, אין אַ בלעכענעם בעקן,
מיט אַ פּאַראַד, גאַסן־אויס, גאַסן־איין,
פּויקט און רופט: אין באָד אַריין...

אַ גאַנצע וואָך, נישט צו פאַרזינדיקן,
האַלט מען אין איין דרייען מיט די פּלייצעס,
מ׳שאַרט זיך ביי דער הרובע, ביי אַ וואַנט
אין מאַרק,
מען איז נישט מערער ווי אַ מענטש, גיט מען
זיך שוין עצות...
אָבער פרייטיק, גאָט צו דאַנק,
כאַפּט מען זיך אַרויף אויף דער אייבערשטער
באַנק,
מיט אַן אָנגעזייפטן בעזים, צום פּאַרטשיק,
נאָך, נאָך, איי, איי,
געוואַלד, געוואַלד, איי, איי,
געוואַלד, געוואַלד, דאַוואַי, דאַוואַי!!!
איצי נגיד, מיט אַ פּעסל שמאַלץ, במקום בויך,

פרעגלט זיך באַזונדער, אין אַ הייסן ביטל,
וואַשט זיך, מיט אַן אָנגעזייפטן האַנטוך,
האָט הנאה ווי פון אַ פעטער יויך...
נאָך יעדן טונק אין ביטל וואַסער, מיטן האַנטוך
לאָזט איציע אַרויס אַ קרעכצעלע, אַ לעכצעלע,
— הו, האַ, הו, הו, הו, האַ!!!
העי, קבצנים, דאָרטן, אויף דער אייבערשטער
באַנק,
וואָס איז דאָרט פאַר אַ טומל, זע נאַר, האַ?
לאָז נאָר זיין אַביסל שטילער, העי, שאַ!!!
און אַז איציע נגיד פרעגלט זיך אויס אין הייסן,
ווי אַ פעטער צימעס, דאַרף ער ערשט דערנאָך
פאַרבייסן
מיט אַ קאַלטן שעפל וואַסער, אויפן האַלז און
נאַקן,
וואָס פאַרשפּריצט דאָס גאַנצע מרחץ,
און טרעפן טרעפט עס
מערסטנס אָרעמעלייט, ערשט אַריין, זיך
אויסגעטאָן
במחילה מוטער-נאַקעט, שטייען די
פאַרשפּריצטע יידן,
ציטערן און פלאַטערן, אוי, אוי, הערט אויף,
— האָט רחמנות — געוואַלד ס׳קאַלט!!!
און איציע, מיט אַ שמייכעלע, נגידיש,
גדלותדיק, וויצלט זיך:
— זע נאָר, זע נאָר אַ ירגזון,
— גלייך מ׳ וואָלט אים אָפּגעביסן!...
אַ ייד, אַ בעל מטופל, פירט די ייִנגעלעך
צום שמייסן, נאָר ייִנגעלעך, אַלע ייִנגעלעך
ווילן נישט, מ׳זאָל פון זיי פּאַסעם רייסן.
שטייען ייִנגלעך איינגעבויקערט,
אָנגעכמורעט ווי צעהויקערט,
שטורכעט דער טאַטע מיט די עלנבויגנס,
— גיכער, אַרויף שוין, נו, איך הייס!!!
נאָר דאָס ייִנגל צעקרומט זיך, און פּכומקעט:
— טאַטע, כ׳האָב מורא, טאַטע, ס׳איז הייס!!!

און אַז אין מיטן פונעם אויפגיסן
אויף די פּליטעס הייסע פּאַרע,
צעעפנט זיך אַ טיר פון דרויסן,
גיט אַ זעץ אַ קאַלטע לופט ווי כמאַרע,
צעיאַכמערט זיך אַן אָרעמאַן,
גלייך מ׳וואַלט אים דאָ באַ׳גזל׳ט:
— אוי וויי איז מיר, גיכער, גיכער.
האָט רחמנות, פאַרמאַכט די טיר!...
ערגער ווי דאָס אויסטאָן, איז טויזנט מאָל דאָס
אָנטאָן.
איינעם האָט מען פאַרביטן אַ שקאַרפּעטקע,
אַ צווייטן פעלט דער טלית קטן,
כאַטש נעם און שריי געוואַלט,
אַ דריטן פעלט די יאַרמולקע,
זידלט ער דעם בעדער, וואָס איז דאָ, אַ מרחץ,
צי איז מען אין אַ וואַלד?

און אַז גאָט העלפט אַ שלעכטער וועטער,
אַ רעגן, צי אַ ווינט, נעמט גאָר קאַפּען פון דער
סטעליע,
און עס טוט אַ טריף אַ טראָפּן, אַ שטיק פייער,
טוט עס אַ ברען און אַ בראָט, עס דערנעמט
ביז דער זיבעטער הויט,
נעמען די פאַרשווינען זיך פאַרקרומען, אוי, עס
ציט, עס בריט!
אָדער עס ווערט אַ טשאַד, טרעפט אַ מרחץ
איז נישט געראָטן,
ווערט פינצטער אין באָד, טאַפּט מען די ווענט,
און אַמאָל פאַרקריכט מען צו יענעם אין באָרד
מיט ביידע הענט,
פּאַטשט דער שכן איבער פּלייצע: זייט זשע
מוחל, פעטער,
— איר האָט נישט וואָס צו טאָן, קריכט אויף די
ווענט!...
און אַז אַ יינגל ווערט אַ חתן,
וועט ער שבת קריגן מפטיר,

איז ער פּרייטיק שוין אַ גרויסער יחסן,
מיט אַ בעזעמל אין לופטן וואַרפט ער.
די גאַנצע וועלט איז זיינע,
דאָס בעסטע בעזעמל, דאָס שענצטע ביטל,
די אויבערשטע באַנק, אַ ניי העמד,
אַ מחיה, שמחה וששון, נאָר איינמאָל
אין לעבן ווערט מען אַ חתן...

צוריק פון מרחץ לויפט מען אויפגעיוירן
ווער צעהיצט, און ווער דערפרוירן,
אַלע איילן זיך און יאָגן,
אַ בזיון אויסצוזאָגן,
פּונקט ווי עפּעס אָנגעוווירן,
גלייך אַן אוצר ערשט פאַרלוירן.
באַלעבאַטישע יידן שניידן זיך די נעגל
איינס איבער צוויי,
און אין איילעניש פאַר ליכט-בענטשן,
כאַפּט מען איבער, גלאַט אַזוי,
אַ צימעס פּאַסאָליעס מיט אַ גלעזל טיי.
און אַז אַלע לאָקשענע קוגלען מיט דער פּאַטשע,
שטיען שוין פאַררוקט אין טשאָלנט,
און פאַרקלעפּט מיטן געלן ליים, שיקט מען
יינגעלעך
צום ווייַנשענקער, נאָך קידוש-וויין,
און וואָלף זעליג שמש, ציקלט זיך און רופט:
אין שו——ל אַריי——ן!!!!

שקצים, זאָל זיין שטיל,
מ׳לייענט אין דער תורה

גערוידמעט: סאל און פייגעלע פרידמאן

דער בעל קורא אין מיין שטעטל
איז אַ מושלם בכל המעלות,
דאַרף מען אויפרופן אַ נגיד,
קען ער זיך פאַרגיין אין יעלות.
מ׳דערקענט שוין פון זיין טאָן,
ווען ער רופט פון ערשטער פּאָן,
און גאָר אַן אַנדער טענדעלע פאַרמאָגט ער
פאַר אַן אָרעמער עליה פון אַ בעל עגלה אָדער
שוסטער,
וואָס צעקלאַפּט די הענט באַם אויסקלאַפּן אַ שטיק
לעדער.
דערפאר אָבער מאַכט ער אַ זיס חנ׳דעלע, באַ ששי
פאַר רב די עליה,
און פאַרקרומען פאַרקרומט ער זיך ווי פון
בויכווייטיק
ווען עס קומט צו רביעי, רופנדיק להבדיל דעם
בלינדן משה בעדער.
רופט ער אויף אַן אָרעמאַן, אַ קבצן, יורד, דלות,
פאַרשטאָפּט ער זיך אַליין דאָס מויל,
מיט אַ שטיקל ברעג פון טלית, מאַכט אַ מינע,
אויף צוקלומפּרשטן,
קכי, קכי, הוסט ער,
פונקט ווי עס קומט אים אוים אויפצורופן
צו דער תוכחה,
נו, איך פרעג אייך, זאָגט אַליין,
ווער מען דען זאָל מען רופן,
אויב נישט איציק שוסטער?

איז ווען עס קומט צו אַ פעטע עליה,
אין משפטים, צי בשלח,
רופט מען אויף צו ששי, און צו שלישי
אַ גביר, אַ גלוח, אַ ייד אָן אַ באָרד,

אָבער מיט אַ נײַ טליתל, מיט אַ שפּיץ יאַרמולקע
און אַ סך חוצפּה.
רוקט זיך דער נגיד צום באַלעמער,
מיט גדלות, שפּאַרט אַוועק מיט די עלנבויגנס
אַלע יידן פון די שטענדערס.
אַן אַז אַ גביר דאַרף מאַכן אַ ברכה איבער דער
תורה
איז קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּעלעך,
פּונקט ווי ער טוט עמיצן אַ טובה, האָט ער מורא...
איז קוים וואָס ער שעפּטשעט, מורמלט ער:
— ברכו את אדוני המבורך (דאָס איבעריקע זאָגט
ער נאָך שטילער),
אַ נגיד, אים פּאַסט נישט מ׳זאָל הערן זיין קול.
ביי אים איז אַ רענדל אַ וואָרט.
קיינער הערט נישט וואָס ער זאָגט, נאָר אַלע כאַפּן
אונטער און באַמקען אים צו. (אַ נגיד איז אַ
בטוח, מען גלויבט אים אויפן וואָרט).
דערפאַר אָבער שרייט שוין דער בעל קורא פאַר
אים אויך:
—אָ—מ—ן! ער לייגט איין די וועלט, פּונקט ווי ער
גייט אים דאָ אויסציילן אַן אוצר מיט געלט.
— וישא יעקב את עיניו, וירא והנה עשיו בא,
ועמו ארבע מאות איש, ויחץ את הילדים על לאה
ועל רחל
ועל שתי השפחות. אַ גביר האָט אַ מזל,
לייענט מען אים שלישי, מען גיט אים
אַ מעשה מיט צוויי ווייבער און מען גיט אים
נאָך צו צוויי דינסטן...
— והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים,
וירץ
עשיו לקראתו, ויקוד ארצה וישתחו ויבכו.
הכלל, אַ פיינע מעשה, וואָס ענדיקט זיך מיט:
— אשר חנן אלוהים את עבדיך...
גבאי ראשון באַ דער רעכטער זייט פון שולחן,
באַ דער לינקער, גבאי שני, און די תורה נעבעך
אומשולדיק, אינדערמיטן, אַ צעעפנטע, א

פאַרקאַטשעטע,
ליגט און לאָזט זיך לייענען. װעמען ברכות, װעמען
קללות.
איר אַליין איז אַלציין.
צוגעדעקט מיט אַ מענטעלע,
אַ נדבה פון האשה צנועה מרת דבורה,
נישט אויסגערעדט זאָל זיין
אפשר טאַקע פאַר אַ תשובה,
מישטיינס געזאָגט,
פאַר אַ גראָשעדיקע עבירה,
אַרומגערינגלט איז די תורה אַרום באַלעמער
מיט גבאים װי סאָלדאַטן.
נאָר גבאים אין מיין שטעטל
קאָנען אויך זין דיפּלאָמאַטן...
פּרשה יתרו צו עשרת הדברות,
פונקט אין מיטן ששי, רופט מען אויף אַ רב:
— יעמוד, מורי-מורינו, הרב יחיאל,
בהרב מורי-מורינו, רב משולם זוסיע, ששי!
און בעת מעשה, דער בעל קורא, אַליין אַ למדן
אַ ייִד,
װאָס קען דעם יורה דעה,
קוקט אויפן רב, קרייזלט זיך די פּאה.
כאַפּט דער רב, פאַרװאַרפט אויף זיך דעם טלית
מיט דער עטרה איבערן קאָפּ,
לויפט צום באַלעמער,
און צעשאָקלט זיך מיטן טראָפּ:
— איי בר—כו את אדוני—המבורך,
ברוך—אדוני—המבורך לעולם ו—עד.
אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו,
ברוך אתה אדו—ני———נותן, התו—רה...
און װייל דער בעל קורא אַליין איז אַ גרויסער
בעל גאוה,
רוקט ער זיך אַריין צװישן דעם רב און דער תורה
גאַנץ ברייטלעך,
און צעפלאַמט זיך באַם לייענען מיט אַ גדלות׳
דיקער תאוה:

א———ממ———ן!!!!!
און ציילט אוים דעם רב די עשרת הדברות,
ער פּאַסמאַקעוועט זיך און באַלעקט זיך:
וידבר אלוהים את כל הדברים האלה לא—מו—ר
— אָ—נו—כי אדוני אלוהיך, אשר הוצאתיך מארץ
מצרים
מבית עבדים... לא יהיה לך, אלוהים אחרים על
פּני. לא תעשה לך פּסל וכל תמונה (פּזר) אשר
בשמים ממעל (פּזר)
ואשר בארץ מתחת, און אַז עס קומט צו הייסן
יענעם נישט זינדיקן, איז דער בעל קורא אַ
גרויסער ותרן אויף יענעמס פּלייצעס, און
ער זשאַלעוועט נישט און צעקרייעט זיך:
לא———תרצח, לא———תגנוב, לא תנאף...
לא תחמוד בית רעיך, לא תחמוד אשת רעיך,
ועבדו ואמתו
ושורו, וחמורו, וכל אשר לרעיך...
טאָמער איז נאָך נישט גענוג, מאַכט ער נאָך דעם
רב אַ לאַנגן
— מי שבירך אבותינו אברהם יצחק ויעקב,
און צעציט דעם סוף — ונאמר——— אמן.
הכלל, אַ מחיה צו זיין אַ רב, אַז מען נעמט אייך
טיילן כבוד,
איז אָן אַ שיעור, אָן אַן ערך, און אָן אַ סוף...
דערפאַר אָבער, אַז גאָט העלפט אין מיטן זומער,
אַ סדרה פאַר במדבר, איז דאָ אַ שטיקעלע אין
דער תורה,
אַן אַנטיקל אין דער וועלט,
קען מען זיך פון דעם נישט אויסקויפן
אפילו נישט מיט געלט,
נישט פאַר אייך גערדאַכט, אין בחוקותי,
איז דאָ אַ שטיקל תוכחה, קענט איר זיך שוין
אָנשטויסן,
באַ דער סדרה טוט זיך חושך.
קולות, יללות,
ווייל אין תוכחה איז נישטאָ קיין לייטיש וואָרט

חוץ חרמות און קללות.
שטייען פריער די גבאים און האַלטן זיך עצות,
אויף שטום־לשון. גישטאָ ווען אויפצורופן...
דרייט מען מיט די פּלייצעס,
אַוורעמל קירזשנער, אַ רחמנות,
האָט אַ ווייבל, אַ חולנית.
משה בעדער, אַ ווונדער,
אַ בעל מטופל, זיבן קליינע קינדער,
און דערצו נאָך אַ געשטראָפטער,
איז אַליין אַ בלינדער.
סיידן, טורקעט דער בעל קורא,
— לאָמיר רופן צו דער תורה,
נעמט ער שטאַמלען אַ פאַרהוסטער,
— לאָמיר רופן איציק שוסטער!
זענען מסכים די גבאים, תם־עוואַטע,
און דער בעל קורא מאַכט אַ פּנים
פון אַ באַלעגאַלע, ווען די פערד
פאַרקראָכן זענען אין אַ טיפער בלאָטע.
נאָר אַז גבאים שטיצן דעם בעל קורא׳ס פּלענער,
לאָזט ער זיך אַרונטער בחפזון,
אויף די הינטערשטע טענער:
— יעמוד רב איציק ברב נח רביעי...
ווערט אַ גערודער אין שול אימת מות,
אַ קליינקייט, תוכחה, אַ קאַטאָוועס!
און איציק שוסטער שטייט און צעגערט,
מאַכט זיך כלומרשט ווי גע׳פּגר׳ט,
— תוכחה — ער האָט עס גענוג אַ גאַנץ יאָר...
אי דלות, אי דחקות, אַ מורא,
פאַרוואָס־זשע קומט אים נאָך די תוכחה פון דער
תורה?
— מוחל, זאָל גיין, אַ שענערער ייד!

הייבט מען צו קלאַפּן אויף שטענדערס און
באַלעמער,
— נו, אָ־אי־נו, האַ!
פאַלט פון איציקן אַרונטער דער טלית,

וואָס איז האַלב שוין צעוואַלגערט אויף דער ערד,
ווי פון אַן אויסגעשפּאַנטן נאַרעווויסטן פערד,
דער טלית איז שוין אַזוי אַלט, אַז ער איז שוין
געל,
ווי להבדיל, די אַנדערע זייט פון אַן אַלטער פעל...
און די ציצית שטאַרק צעפּלאָנטערט,
ווי די שטריקלעך פון אַ דראַטווע,
קיין יאַרמעלקע האָט ער קיינמאָל נישט,
נאָר אַ היטל מיט אַ דאַשעק,
פאַרדרייט אויף הינטן...
ער ווייסט, מ׳האָט אים שוין צוויי מאָל גערופן,
צו דער תורה... נאָר ער האָט קיין חשק נישט.
תוכחה, אויך מיר אַ סחורה...
און ער מורמלט צו די שכנים:
— האַ, מיך, מוחל, ניין!
נו, וואָס איז, איך וויל נישט גיין!!!
נעמט עס רודערן איבערן באַלעמער,
קאָכט עס אין דער גאַנצער שול:
ביז דער גבאי ראשון, אַ שיינער ייד,
דער גבאי, רב דניאל,
אָנגעצונדן פול מיט כעס,
לויפט ער פון באַלעמער זוכן איציק שוסטער,
וואָס ווערט בלאָ און בלאַס...
פרעגט ער נישט בא איציקן וואָס און ווען,
נאָר ציילט אים אוים
אין ביידע באַקן, אחת ושתים,
צעפלאַמט, מיט ברען.
— הולטיי איינער, דיך גערופן צו דער תורה,
— וואָס הייסט, דו גייסט נישט, אַזאַ׳ן עבירה!
— נו, געגאַנגען, גיכער, איך הייס...
און איציק שוסטער באַגיסט זיך מיט שוויים.
פאַרשעמט ווי אַ גנב, קוים וואָס ער רירט זיך,
קריכט צום באַלעמער, געפירט פון דניאל׳ן,
ווי אַ געליימטער, צעשראָקן, ברומט ער:
— ברכו את אדוני המבורך (די איבעריקע
ווערטער הערט קיינער נישט, מען זעט נאָר

ווי ער שאָקלט מיט די ליפּן).
„מעניע, מעני, מעניע התורה...
איציק שוסטער שטייט ווי אַן אַרעסטירטער,
פאַר אַ „מיראָוואַי סודיאַ",
און ביידע גבאים לעבן אים,
איינגעשפּאַרט אין די זייטן, ווי צוויי עדות,
און דער בעל קורא, מיט אַ צעדרינדזשעט קול,
אַ צעבראָכנס, שטייט פון דער ווייטנס,
ביים שפּיץ טיש, ער האָט מורא צוקומען נאָענט,
עס זאָל זיך אים נישט צוקלעפּן אַ שטיקל תוכחה
הייבט ער אָן מיט נישט קיין הימלעך קול,
ווי בשעת אַן ערד־ציטערניש.
ווי ער גייט דאָ פאַר'משפּט'ן אַ מענטשן...
— אף אני אעשה זאת לכם, והפקדתי עליכם בהלה,
— את השחפת ואת הקדחת...
ביים וואָרט קדחת כאַפּט דער בעל קורא אַליין
אויך אַ ציטער... מכלות עינים ומדיבת נפש...
ביי זיך אין האַרצן פילט ער זיך שוין שולדיק...
און טראַכט זיך: וואָס האָב איך נעבעך צו איציק שוסטער?
דאָס איינציקע וואָרט וואָס איציק שוסטער
כאַפּט אויף פון דער תוכחה איז — קדחת...
שטייט ער אַ דערשלאָגענער, און טראַכט זיך:
— טאַטע זיסער, פאַרוואָס? וואָס האָט מען צו מיר?
פאַראַן אַ פולע מזרח־וואַנט מיט שיינע יידן,
בעלי בתים, האָט מען מיך אויסגעקליבן, און מיר גיט מען
קדחת אין דער תורה... גבירים זענען בילעכער...
זיי האָבן כאָטש פאַרוואָס צו קרענקען...
נאָר דערווייל האָט זיך דער בעל קורא שוין צעוואָרעמט,
שוין אַריבער דאָס קדחת, טוט ער זיך ווייטער
זיינס, זשאַלעוועט נישט, וואַרפט מיטן מויל, אַ קללה נאָך אַ קללה
פון דער תורה:

— אף אני אעשה זאת לכם,
— והלכתי עמכם בחמת קרי, והשמדתי במותיכם,
— והכרתי את חמניכם, ונתתי את פגריכם
— על פגרי גלוליכם, וגעלה נפשי אתכם...
אַ גליק וואָס איציק שוסטער קען נישט קיין
פירוש המלות,
ווייסט ער נישט פינקטלעך, וואָס מען האָט אים
דאָרט אָנגעווינטשעוועט,
שטייט ער צווישן דעם בעל קורא מיט די גבאים,
ציטערט און טראַכט זיך:
— רבונו של עולם, אַזוי ווי איך וויים נישט,
אַזוי זאָל מיר נישט שאַטן, נישט מיר, נישט מיין
ווייב, נישט מיינע קינדער.
די צווייטע ברכה כאַפּט ער אָפּ ווי מיט אַ מויל
פול מיט פייער,
וואַרפט זיך און שלינגט די ווערטער, ביז ער
אַנטלויפט.
ער וויל אפילו נישט וואַרטן אויף אַ מי שבירך.
און אַז איציק שוסטער
לויפט צוריק פון באַלעמער,
קומען אים אַנטקעגן שוסטער, שניידער,
זעט ער אויס באַ זיי אין די אויגן,
ווי אַ גרויסער למך, אַ שטיק נאַר,
לאַכן זיי פון אים, און ווינטשעווען:
— איציק, זאָלסט שוין באַהיט ווערן פון צער...

מיינע לידער — מיינע קינדער...

מיינע לידער,
קינדער קליינע,
אַמאָל מיאוסע,
אַמאָל שיינע.

אַמאָל צעשטראַלן זיי
ווי רעגנבויגן,
אַמאָל צעפאַלן זיי
קרום און אויסגעבויגן.

אַמאָל נאַריש,
אַמאָל קלוג,
אַמאָל נחת,
אַמאָל פּלאָג.

טרעפט אַמאָל ביי מיר
אַ שיינע שורה
ווי אַ סטרונע פון אַ פידל,
אַ שפּילעוודיקע און אַ גלאַטע,
קוועלט מיין האַרץ פון נחת,
איך בין דאָך דער טאַטע!

טרעפט אַמאָל אַ ליד,
א מפּול און אַ גרויסער נאַר,
איז אויף מיר אַ ביטערער רחמנות,
און אַ גרויסער צער!

ברעקלעך פון מיין שרייבטיש

מיינע לידער,
פען־קאַפּריזן,
פּייל פון בויגן,
פעדער־שפּיזן,
ניט קיין שפּיזן,
פעדער־שפּריצן,
איז אָנגעשריבן
און צעריסן!

צרות גאַנצע פּעק...

צרות, זעט איר,
האָב איך תמיד,
צרות גרויסע,
גאַנצע פּעק.
איז אַ גליק נאָך
וואָס מיט לעכער
זענען תמיד
מיינע זעק!

אין די בערג פון קאָלאָראַדאָ

געווידמעט: יעקב פּרוזשאַנסקי, אחוה

אין די בערג פון קאָלאָראַדאָ
צווישן „פּייק און מאַניטאָ",
שוועבן וווּנדער פון אַמאָל,
און לעגענדעס אָן אַ צאָל.

פון די צייטן פון יצירה,
אין די טעג פון וועלטס באַשאַף,
ווען געשפּילט זיך האָט דער בורא
מיט ערד און ליים, און חומר, שטאָף,
געפורעמט וועלטעלעך, ווי פּילקעס,
ערשט באַשאַפן, שוין צערונען,
חיות'לעך די גרויס ווי שפּילקעס,
פון די נעפּלען אויסגעשפּינען.

איבער וויסטעניש און לער,
איבער צייט און איבער אָרט,
אינעם חלום אויפן וואָר,
אומגעשוועבט עס האָט דאָס וואָרט.

אין די נעפּלען האָבן דופטן,
זיך געמישט מיט פאַרב און קלאַנג,
ביז דערהערט, זיך, האָט אין לופטן:
„קדוש, קדוש", אַ געזאַנג.

אַ געפּליסטערל פון פליגל,
אַ געסוויטשערל פון פייגל,
פון מלאכים אַ געשאַל,
פון אַ וועלטל, אַ צעפּראַל.

פאַר דער שעה פון יצירה,
אין קאָליר פון רעגנבויגן,
איז דער ערשטער קלאַנג פון שירה,
פון תהום אַרויסגעפלויגן.

און תהום האָט זיך צעשפּאָלטן,
גרונט און אָפּגרונט אָפּגעטיילט,
אין אַ וואַסערל געשטאַלטן,
פון אַ וועלט־געבורט דערציילט.

אָט איז נעפּל,
אָט איז — קלאָר,
ערשט אַ חלום,
איצט אַ וואָר,
וועלטס אַ רגע,
טויזנט יאָר,
פון תהומען,
טיפע ימען
אַ שפּילעכל פאַרטראַכט,
און עס רעגט זיך
שנעל, באַוועגט זיך,
עס באַווייזט זיך,
און אַנטפּלעקט זיך,
דאָ פאַרהוילן,
דאָרט צעדעקט זיך.
דער צעטראַכט
פון טאָג און נאַכט.

און געזען האָט דער בורא,
טאָג איז פרייד,
נאַכט איז מורא,
טאָג איז נאָענט,
נאַכט איז ווייט,
און אַ שטים,
זיך האָט צעקלונגען:
אַ באַפעל אַרויסגעזונגען
גאָטס געבאָט:
דאָס ערשטע וואָרט.

אָנהויב פון בראשית,
באַגינען

אַ שטראַל אויף טאָג,
פון גאָטס שכינה.

עס זאָל שטראָמען,
עס זאָל פליסן,
אויף דער וועלט אַרויס,
ווי אַ פרייד,
דאָס גרויסע ליכט,
כביכולס אָנגעזיכט.
איך בין גערן,
עס זאָל ווערן,
העל און ליכטיק,
פריידיק, ציכטיק,
טאָג איין, טאָג אויס,
עס זאָל בלייבן לזכרון,
ווען אויף ערד איז טאָג געוואָרן,
ווען דאָס ליכט
פון גאָטס געזיכט,
האָט פון נחת זיך צעקוועלט,
אין באַגינען פון בראשית,
אַ מתנה פאַר דער וועלט.

איז געוועזן
גאָטס זאָג:
איז געוואָרן:
ערשטער טאָג.
ערב-צייט,
ערב-אָרט,
פאַרן ערשטן
דאָ און דאָרט,
אַ מחשבה האָט פאַרטראַכט,
די געבורט פון טאָג און נאַכט.
דער ערשטער קלאַנג, גאָטס אַ וואָרט.

מיט דעם ריטם פון חילות,
פון באַגינענס ערשטע קוואַלן,

פליסן, גיסן קאָלאָראַדאָס
זיבן ווייסע וואַסערפאַלן.

וואַסער קוועלט אויף דער וועלט,
אַ רמז פון יצירה,
יעדער פאַל, אַ צעשאַל,
יעדער הויב — וואַסער לויב,
אַ שבח און אַ שירה.

האָט דאָס גאָטס אויג געזען,
איז אים ווויל און גוט געווען,
איז געווען זיין באַפעל:
טאָג זאָל בלייבן ליכטיק, העל.

פון באַגינענס טאָג צעפראַלן,
האָט דאָס וואַסער אָנגעקוואָלן,
יעדער טראָפן האָט געזונגען,
און די לופט מיט פרייד פאַרקלונגען,
און עס מישט זיך פאַרב און קלאַנג,
זונען־ליכט, ים־געזאַנג,
שוים־געלעכטער, ליכט־צעשטראַל,
ביז געבוירן און געוואָרן,
פון תהום אַרויסגעפלויגן,
פאַרב־צעשפיל, — אַ רעגנבויגן,
פון בראשית, אַ מחשבה,
אַ קאַפּריז פון גאָט, אַ שטראַל,
אַ באַשאַף, אַ פרייד פאַרגאַף:
ים־צעפראַל, אַ וואַסערפאַל.

יעדער שפּראָץ אויף טאָג,
ערב־זון־אויפגאַנג,
צעשטראַלט זיך קאַיאָר
מיט דעם באַפעל
פונעם ערשטן „יהי אור!”

אינעם גאָרטן פון די געטער

געווידמעט: עליזה און וויליאַם שאַר

מיטן זונשפּראָץ פון באַגינען,
טריפט אַ טוי פון זיו השכינה,
פּערל־טוי אויף אספּען בלעטער,
אינעם גאָרטן פון די געטער.

נאַכט פאַרדעקט, טאָג צעדעקט,
מישט זיך שאָטן אוים מיט ליכט,
גאָלד, אַ רענדל, יעדעס בלעטל
טאַנצט און שיינט דיר אין געזיכט.

עס פאַרשווינדט אויף שטיל די נאַכט,
ווי פון חלום אויפגעוואַכט,
זי פאַרהאַלט זיך, און באַהאַלט זיך,
בײַ דעם מערבֿ־ברעג פון הימל.

און אַ טאָג פון טוי דערפרישטער,
ווי דערשראָקן, אַ צעמישטער,
טאָג צעטאָגט זיך, אויפן מזרח,
רעגט און וועקט אַ וועלט פון דרימל.

כאַפּט זיך אויף דער ערשטער פויגל,
שרעקט זיך באַלד אַ האָז אין פעלד,
הערט זיך גלייך אַ שאָרך פון פליגל,
קומט אַ נחת אויף דער וועלט.

ווערט אַ חיות און אַ פריידן,
אינעם ערדישן גן עדן,
דאָ אַ ציטער, דאָרט אַ פלאַטער,
אינעם גאָרטן פון די געטער.

עס דערקוויקט זיך בוים און בלום
עס צעוויגט זיך גראָז אויף שטום,
און עס שאָקלען זיך די זאַנגען,
שטאַמען, צווייגן, שטילע קלאַנגען.

— הללויה, טרילט אַ פויגל,
— גאָט איז מעכטיק, קרייען הענער,
— וועלט אין פרידן, וואָרקען טויבן,
פינקלען שטערן, — גאָט איז איינער.

פון די הימלען די חילות,
די כוכבים ומזלות,
גאָטס באַפעלן, זיי פאַרשנעלן,
זיי פאַרגייען און צעפאַלן.

אינעם טיפן ים פאַרטונקען,
אינעם וועלט־תהום פאַרזונקען,
זיי צעציען און צעפליען
און זיי פרעגן נישט וווּהין.

און אין שורות וואָלקן ווייסע,
ציען, קניען איבער ערד,
יעדעם וואָלקנדל אַ מלאך,
מיט אַ זילבער גלאַטער שווערד.

אָנגעגירט מיט שווערדן שאַרפע,
אויפן שפּיץ פון טורעם דאָרטן,
שפּילט אַ שומר אויף זיין האַרפע,
באַ דעם טויער פונעם גאָרטן.

און דער גאָרטן שטייט פאַרשטיינערט
ווי אין כשוף איינגעשוווירן,
פון דער צייט ווען ערשטער אָדם,
דעם גן עדן האָט פאַרלוירן.

ווען געוואָרפן האָט דער בורא,
אויפן ערשטן קינד אַ מורא,
פאַר דער זינד אַ שווערע שטראָף
אָנגעיאָגט אויף אים אַ שלאָף.

ווען באַשטראָפט עס האָט אים גאָט,
פאַר עובר זיין אויף זיין געבאָט,

פאַר זיין עסן און געניסן,
פון גן עדנס בוים פון וויסן.

די לעגענדע פון גן עדן,
ווי דערציילט אין חומש, דאָרטן,
לעבט נאָך היינט אין קאָלאָראַדאָ,
ביי די געטער אינעם גאָרטן.

קומסט אַריין אין גאָרטן־טויער,
פריש דאָס ליים, ווי ערשט צעקנאָטן
אַ זכרון ווען דער בורא,
טויזנט וועלטן האָט פאַרשאָטן.

און מלאכים, מענטשן־ריזן,
פלעגן רייטן פייער פערד,
ווייל פאַרצייטן אויך די געטער,
פלעגן אומגיין אויף דער ערד.

איז די ערד אין קאָלאָראַדאָ
גאָר אַ חידוש און אַ נס,
לעבט אַ גאָרטן פון די געטער,
פון בראשית אַ מעת־לעת.

זאַמד און ליים, שטיין און שטאָל,
זיך געפורעמט און געמישט,
נאָר יעדעס מין ווי פאַרעקשנט,
איז געבליבן נישט צעמישט.

ליכט און שאָטן,
באַרג און טאָל,
טראָפּנס וואַסער,
ווי קרישטאָל,
ערד ווי הימל, זוניק קלאָר,
האָט געשאַפן קאָלאָראַדאָס,
וועלטס אַ חלום אויפן וואָר.

קאַפּריז

(דאָס שפּיל פון יינגל־מיידל)

מאַלע וואָס,
מאַלע ווען,
מאַלע ווער
עס איז געווען.
ס'האָט געטראָפן,
ס'איז געשען,
ס'איז פאַרלאָפן,
נישט געווען!
ערגעץ דאָ,
ערגעץ דאָרטן,
ביי אַ טייכל,
אין אַ גאָרטן,
אויף אַ באַרג,
צי אין טאָל,
נעכטן, היינט,
אַמאָל, אַמאָל:
זי און ער:
שטיל באַגער
צו צערייסן
אַלע צאַמען!
איינס'ן צוויי
און צוזאַמען
צו דערגרונטעווען
תהומען!
צו צעפּליסן
ווי די ימען
צו פאַרמערן
אַלע שטאַמען,
צו צעפלאַמען
מיט די שטערן,
גאַרן גערן
צו פאַרצערן,
צו געבערן

און נישט ווערן.
זיך געפּעלן,
זיך צעשטראַלן,
זיך צעהעלן,
און צעפּראַלן.
זי — אַ ליכטיקער
פּרימאָרגן,
ער — אַ לויטערער
אָן זאָרגן;
זי — פאַרהוילן,
ער — פאַרבאָרגן.
זי — אַ נחתל,
זיין קרוין,
ער — איר יינגל,
אַ פאַרשוין!
זי — אַ חוה,
גאָטס באַשאַף,
ער — איר אָדם,
אַ פאַרגאַף!
ביידע גאַרן
איין באַגער:
זיין און ווערן
מער און מער!
איבער וואָלקן,
אין די הימלען
ביידע ציען,
ביידע פליען;
אין תהומען,
טיפע ימען
ביידע זינקען
דורשטיק טרינקען
פון דעם לעבנס
פרישע קוואַלן,
אַ צעקוועל
פון וואַסערפאַלן.
וואָס געשען
איז געווען,

וואָס געווען —
אַ געוויין.
זי — אַ כישוף,
ער — אַ חלום.
רואיק, פריידיק
זים דער שלאָף;
ליבע־ציטער,
גליק אַ רגע —
מיטן אָנהייב,
קומט דער סוף...
ערשט פאַרשיכורט
ביז באַרוישונג —
אויסגעניכטערט
ביז אַנטוישונג;
ערשט פאַרדעקט
און איינגעהילט —
שוין אַנטפּלעקט
און אָפּגעקילט.
ערשט אַ צערטל
און אַ גלעט, —
אַ צעווערטל,
אַ געשפּעט,
אָט אַ לידל,
אַ געזאַנג, —
שוין אַ זידל,
טריב און באַנג;
נאָר אַ רגע
גליק אַ ברעקל,
אַ צערייצונג
פון געפיל;
איצט דערווידער,
שוין אַן עקל,
איבערדריסיק,
איז דאָס שפּיל.
ס'איז אַ חוזק.
אַ געלעכטער,
ווי עס לעבן

צוויי געשלעכטער
מאַן און ווייב
אין איין הויז
פּונקט אַזוי ווי
קאַץ און מויז.
זייער גליק
אַן אויגנבליק —
ערשט פֿאָרויס,
שוין צוריק.
אונדזער ליבע,
ווי דאָס לעבן,
איז פֿון געטער
אַ קאַפּריז.
ס'איז אַ הויב
און אַ דערנידער,
ס'איז אַ לויב
און אַ דערווידער,
ס'איז אַ זינגען
און אַ שאַלן,
ס'איז אַ שטייגן
און אַ פֿאַלן.
איצטער ליב
שפּעטער טריב,
ס'איז אַראָד,
אַ קאַראַהאָד.
ס'איז דאָס לעבן
אַ צעפּלאָנטער,
ס'איז די ליבע
אַ קאַפּריז.
ס'איז אַ רייץ,
אַ רגע רעגונג,
אַ געמיש,
פֿון ביטער זיס.

ווײַן-לידער

(פֿון די יאָרן נישט היינט געדאַכט, ווען איך האָב נאָך געמעגט טרינקען)

ווײַן, ווײַן, ווײַן,
וויגט מיך אײַן,
דערטרינקט מײַן פּײַן,
פֿאַרזינגט מײַן שײַן,
באַרוישט מײַן זײַן.
העלדזער זינגען,
גלעזער קלינגען,
ווײַן, ווײַן, ווײַן!

ווײַן, ווײַן, צונטער רויט,
פֿאַרטרינק די נויט,
פֿאַרגעס אין ברויט,
פֿאַרשפּעט דעם טויט.
וועקט מײַן מוט,
רייצט מײַן בלוט,
טרינק איך, זינג איך
און שלאָף אײַן,
און עס חלומט זיך מיר ווײַן!

טרינק איך היינט,
טרינק איך מאָרגן,
און איך ווייס נישט פֿון קיין זאָרגן,
ווײַן אַ גלעזל מאַכט מיך מילד,
ווײַן אַ פֿלעשל מאַכט מיך ווילד,
נאָך אַ פֿלעשל, נאָך אַביסל
שטעל איך שוין
צום טאַנץ אַ פֿיסל.
טאַנץ איך ווידער,
זינג איך לידער,
ווײַן, ווײַן, ווײַן!

ווײַן, ווײַן, זוניק העל,
איך בין קעניג און באַפעל,
ס׳איז דער שענק פאַר מיר אַ זאַל,
ס׳איז די וועלט פאַר מיר אַ באַל,
ס׳איז דאָס לעבן אַ געזאַנג,
ס׳איז אַ שפּיל, פאַרב און קלאַנג,
לעב זשע היינט, ליב זשע, פרײַנד,
מאָרגן קאָן דיר טאָן שוין באַנג,
לעב און ליב, זינג און שפּיל,
ס׳איז אַ נחת׳דיק געפיל,
אויף דער וועלט נאָך צו זײַן
און צו קאָנען טרינקען ווײַן!

דער וואָס קאָן נישט און טרינקט

דער וואָס טרינקט מיט האַרץ, מיט ברען,
ווייל ער ווייסט אַז ער קען,
אים פאַרגינט מען נישט די וועלט,
פאַר יעדן גלעזל רק מען שילט,
נאָר ווער עס קען נישט, אים איז שלעכט,
ער איז קיינמאָל נישט גערעכט,
ס'איז איעדער צו אים גוט,
און מ'וועקט אין אים דעם מוט,
רק מען בעט אים און מ'גלעט אים,
נאָך אביסל, נאָך אַ לעק,
און נאָך יעדן טראָפּן, אוי, אַ שרעק!
עס ווערט אים היים, און פּלוצים קאַלט,
און ער שאָקלט און ער וואַקלט,
ביז ער פאַלט!

נעמט מען אַ יידן אַזאַ פאַרן האַנט,
מען דעקט אים איין אין בעטגעוואַנט,
און מ'ווייזט אים אַ יאַריד אויפן הימל,
נאָר זאָל ער דערווייל כאַפּן אַ דרימל!
זעצט זיך אויף דער ייד ביינאַכט,
ווייסט נישט אַז ער ליגט שוין אין בעט,
זיצט ער און זיצט, קלערט ער און טראַכט.
וואָס איז עס דאָ איצט, ביימאָג צי ביינאַכט?
זיצט ער ביים טיש, צי ליגט ער אין בעט,
אָ, ער איז נאָך, ער דאַרף נאָך, ער וועט!
כאַפּט זיך אַראָפּ פון געלעגער דער ייד,
נעמט זוכן דעם הימל, ער פאָרט אויף יאַריד...
שאַרט זיך פּאַמעלעך אַרום די פיר ווענט,
דינען די פיס נישט, נוצט ער די הענט,
טרינקט ער אויס וואַסער אַ קריגל,
נאָר פינצטער איז אים!
ווער שטייט עס אין שפּיגל!

דאָס איז ער, אַליין? ער וועט נישט שווערן.

אַט דאָס איז זיין פּנים? ס'איז נישט זיין שטערן!
אַנשטאָט ריינע קלאָרע אויגן,
קוקן אויף אים לעכער צוויי,
און אַ פּנים ווי צעאַקערט,
גריבער, קנייטשן אַלערליי,
און אַ מינע אַ צעקרומטע,
און אַ שטימע אַ פאַרדומפּטע,
אויפן פּרצוף ליגט אַ טרויער,
און דער האַלדז איז פול מיט זשויער,
בלייבט ער זיצן איינגעזונקען,
ווייסט אַליין נישט וואָס ער טראַכט,
ערגיץ געווען, עפּעס געטרונקען!
זיצט ער איצט, קלערט ער און טראַכט,
עס פעלט דאָך אים אוים אַ טאָג מיט אַ נאַכט!
ס'האָט דער וויין זיין בלוט געצונדן,
ווי אַ לאַווע אין אים געברענט,
נאָר ווו איז אים אַ טאָג פאַרשוווּנדן,
ווען האָט ער אַ נאַכט פאַרשווענדט?
ער האָט געברענט דאָס ליכט פון לעבן,
ווי אַן אַכזר, אַ פאַרדראָס,
אַנגעצונדן ביידע ברעגן,
אָן אַ זין און אָן אַ מאָס.
האָט ער איצטער צו זיך טענות,
שלאָגט אין האַרצן זיך על חטא,
נעמט אַרוים אויף זיך אַ תשובה,
אַ טאָג מיט אַ נאַכט צו ליגן אין בעט!
ער וועט קעמפן, וועט זיך ווערן,
היטן פון לעבן דאָס ברעקעלע ליכט,
מען טאָר דאָס קנייטל נישט פאַרצערן,
נישט צעקנייטשן דאָס געזיכט.
נאָר דאָס לעבן איז אַ נסיון,
אייביק ניכטער, שווער צו זיין,
צו דערציילן איז אַ בזיון,
ס'שטעקט אַ כישוף אין דעם וויין!

קרום געבוירן

(אַ מעשה פון ערגעץ־לאַנד)

(געווידמעט מיין ליבן חבר בערנאַרד מאָסט)

אַמאָל, גאָר אַמאָל,
צוריק נאָך מיט יאָרן,
איז ערגעץ אַ יינגל
געבוירן געוואָרן.
האָט יינגל געהאַט
אַ גרויסן חסרון
ביים יינגל צו ברייט
איז געוועזן דער שטערן,
צו טיף און צו בלוי
זיינע אויגן —
געקוקט האָבן שטענדיק
צום הימל, אַהין,
ווו פייגעלעך זענען געפלויגן.
אַ האַרץ אַזוי ברייט
ווי עס טרעפט נאָר ביי ריזן
און הענטעלעך — דין
אַזוי ווי צוויי שפּיזן;

פינגערלעך שאַרף ווי די נאָדלען,
און אַ קאָפּ שטאַרק פאַרריסן,
צום הימל אַ שטאָלצער,
אַזוי ווי ביי נ׳אָדלער.
האָט זיך די מאַמע
געפילט ווי פאַרלוירן,
געזאָרגט און געזיפצט,
וואָס איר יינגעלע
קרום איז געבוירן.
דערווייל איז אַריבער
אַ יאָר שוין און צוויי —
שטעלט מאַמע דאָס יינגעלע
אַוועק און זאָגט: „גיי!״
פרעגט נישט דאָס יינגעלע

וואָס און וווּהין,
נאָר גיט זיך אַ הייב
ווי אַ פֿויגל צום פֿליען,
קלאַפּט ווי מיט פֿליגל,
פּאַטשט מיט די הענט,
רייסט זיך און שפּאַרט זיך
גלייך אויף די ווענט.
איז געוואָרן אין שטוב
אַ רעש, אַ בהלה,
און מאַמע זי וויינט,
און קלאָגט — אַ יללה:
וואָס איז דאָ געשען,
וואָס איז דאָ פּאַרלאָפֿן,
נישט אַנדערש אַן אומגליק
עס האָט זי געטראָפֿן —
דאָס קינד אויף דער ערד
אַ פֿוס וויל נישט שטעלן,
פֿליען אין הימל
אַ קינד זאָל גאָר וועלן...
מ׳האָט נאָך אַזוינס
נישט געזען, נישט געהערט
נישט אַנדערש, נאָר איר
איז אַן עונש באַשערט.
פֿאַלט איין דער מאַמען
אַ פּלאַן מן הסתם
פֿאַרשליסן דאָס יינגל
אין גראַטעס, אין צאַם.
הענטלעך און פֿיסלעך
מיט שטריק אים פֿאַרבונדן,
נאָר יינגל, ער שמייכלט
און לאַכט פֿון די ווונדן.
ער גיט נאָך אַ דריי זיך,
אַ ריר אַן די ווענט,
באַפֿרייט פֿון די שטריק
די פֿיס און די הענט.
רייסט זיך די מאַמע

פון קאָפּ אירע האָר,
פאַרשילט זיך דאָס לעבן,
באַוויינט אירע יאָר:
— אוי, סאַר אַנ׳אומגליק,
ווײ מיר און ווינד,
וואָס זאָל איך אָנהייבן
טאָן מיטן קינד...
עס רוט נישט, עס עסט נישט
און שלאָפט נישט ביינאַכט,
כסדר פון הימל
דאָס ײנגל נאָר טראַכט.
און ווען אויף אַ רגע
מ׳קערט זיך נאָר אָפּ
שוין איז ער אין דרויסן,
פאַררייסט מיטן קאָפּ.
זעט ער אַ פויגל
איז דורכגעפלויגן,
לאָזט ער זיך לויפן
פייל אויסן בויגן,
פאַרקוקט זיך אין הימל,
פאָלט נאָך מיט די אויגן,
וואַרפט אין דער לופטן
מיט הענט און מיט פיס,
אַזוי ווי צו פליען
ער גיט זיך אַ ריס,
טוט זיך אַ הייב
און באַלד גלייך אַ פאַל,
צעשלאָגט זיך, צעביילט זיך
נאָך יעדערן פאַל,
דערנאָך בלייבט ער ליגן
מאַכטלאָז פאַרטראַכט,
אַרום שטייען מענטשן,
מע חוזקט, מע לאַכט:
אים ווילט זיך נישט אַנדערש
אַן אָדלער גאָר ווערן,
פליען צום הימל,
דערגרייכן די שטערן...

קוקן אַלע אויפֿן ייִנגל,
שפּאָט און חוזק אין די אויגן:
— ס'איז די מעשה מיט זיין פֿליען
נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן!
ייִנגל איז אַ גרויסער נאַר —
שווערן אַלע בנאמנות
— און עס איז אַ גרויסער צער,
אויף זיין מאַמען אַ רחמנות!
און די מאַמע
שטייט און בעט אים,
איבערן קעפּעלע
זי גלעט אים:
זאָל שוין זיין גענוג
געריסן זיך צום הימל!
לייג זיך צו אַ ביסל שלאָפֿן,
כאַפּ אַמאָל אַ דרימל!
נאָר דאָס ייִנגל
וויל נישט הערן,
רק ער רייסט זיך
צו די שטערן
און ער וויל
אַ פֿויגל ווערן.
וויינט די מאַמעשי מיט טרערן,
נעמט דעם ייִנגעלע דערקלערן,
אַז זינט די וועלט אַ וועלט איז,
לאַנג שוין פֿעסטגעשטעלט איז,
אַז ווער עס רייסט זיך צו די שטערן
און ער וויל אַ פֿויגל ווערן,
שלאָגט זיך נאָר אַרויס פֿון שלאָף
און ער האָט אַ שלעכטן סוף.
ווער עס ציט זיך צו די פֿייגל
און צום הימל הייבט דעם קאָפּ,
נעמט אים שווינדלען פֿאַר די אויגן
ביז ער פֿאַלט צוריק אַראָפּ.
און די מאַמע טיף באַדויערט,
זיצט און טראַכט צו זיך פֿאַרטרויערט:

ס'איז נישט גוט, ער איז פֿאַרלוירן,
ער איז טאַקע קרום געבוירן.

* * *

שוין אַוועק אַ סך מיט יאָרן,
יינגל איז שוין גרוי געוואָרן,
נאָר צום הימל אַלץ אים ציט,
ווען ער זעט אַ פֿויגל פֿליט.
ס'איז דאָס יינגל איצט שוין אַלט,
נאָר זיין האַרץ איז פֿול באַגערן,
נישט ער פֿליט, נאָר רק ער פֿאַלט,
ווייל ער קוקט נאָך אַלץ אויף שטערן.

די באַלאַדע פון איסט-בראָדווי און ראַיאַל-קאַפעי

פון צעגלאַנע נומער דריי ביז צו אונדז אויף
איסט בראָדוויי,
אַ שפּרונג אַביסל, אַ פאַרגלייך, להבדיל ווי פון
פּרצס ביינאַכט אויפן אַלטן מארק,
ביז צו אונדז אין ראַיאַל קאַפיי, אַ מהלך נאָך אַ
גרעסערער ווי פון אים אַליין, לברכה,
ביז צו אונדז, די גליד-געשוועסטער-קינדער. פון
דער פען-משפחה.

דאָך נישט איינמאָל שפּעט ביינאַכט, האָב איך
אין דער שטיל געטראַכט:
אַז עס ליגט דאָך עפּעס פּאָרט אין דעם אַלטן
תירוץ,
אַז עס איז אַלץ דערפאַר:
ווייל עס פעלט אונדז אוים אַ פּרץ!...

וואָלט איך פאָרגעשלאָגן סתם, אַ י. ל. פּרץ-
עפּיגראַם:
אַ האַנט וואָס האַלט אַ פען, טאָר נישט ציטערן,
נישט צעגערן, נישט שטרעקן זיך צו דער ערד,
מעג אַמאָל אַ פּויסט פאַרמעסטן, מוז נישט תמיד
בעטן, גלעטן,
על כל פּנים איז פאַראַן
אַזוינס אין לעבן וואָס מען דאַרף פאַר׳חוזק׳ן,
פאַרשפּעטן.

נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, אמת, איין משפּחה,
נאָר פונדעסן, קומט צום עסן,
איז — כל הקודם זכה!
אַזוי שוין אין טעאַטער, נישט בעסער ווי ביי דער
פּרעסע,
ס׳נייטיק צירקולאַציע, ס׳מוז אַנרייסן אַ פּיעסע!

האָט דער אַקטיאָר אַ „יוניע״, האָט דער שרייבער
אַ פאַריין, שפּילט דער אַקטיאָר אַ ראָלע,
עסט ער פיש מיט כריין, האָט דער שרייבער
נישט קיין בענקל אין רעדאַקציע,
לייגט ער אויף דער פּאָליצע די ציין!
פּראָסטע ווערטער נישט פּאָלירט,
יאָ, אַנטשולדיקט, עס שאָקירט!

בקיצור, גוטער ברודער גאָרנישט פרייליך,
אין אַ רעגנדיקער נאַכט, איז אומעטיק אין זאַל,
עס גענִיצט זיך, עס לאַנגווייליקט
אין קאַפּיי ראָיאַל!
ראָיאַל קאַפּיי, רויך מיט טיי, ביז דער זייגער
שלאָגט שוין צוויי!
עס פעלן היינט די אַקטיאָרן און די מוזיקער שוין
אויסגעשפּילטע,
און דיכטער נישט דערבאַקענע, פאַר דער צייט
פאַרגעסענע,
און מיידלעך האַלב פאַרזעסענע. צעקנייטשטע
די געזיכטער.
ווי אַן אָבל, אַ פאַר׳יתומ׳טער, דראַמאַטישער
אַקטיאָר,
מיט אַ פּנים קנייטשן, גריבער,
אויפן קאָפּ שוין קיין סימן פון האָר
האָב איך דערזען דאָ איינעם
און האָב דערפילט, ער האָט שוין אָפּגעשפּילט,
און בעט זיך: אין מושב זקנים.

אַ פרימאַדאָנע, אַ פאַר׳חושכ׳טע. האָט אַמאָל
געגלאַנצט,
געזונגען און געטאַנצט, זי האָט אַמאָל געלויכטן
און געשיינט,
איצטער זיצט זי אַ פאַרביטערטע אין אַ ווינקל
שטיל און וויינט!
אַ בילד פון לעבעדיקן עלנט, אויפן האַרצן

אומעטיק און זויער,
אַ פּנים פול מיט מרה שחורה, עס כאַפּט אַרום
אַ טרויער.
אַ ווילסטער שרעק, אַ חורבן האָט פון איר געמאַכט
דאָס ביסל יאָרן,
און אַ שטיק בית עולם איז שוין פון איר קינסט
געוואָרן.

דאַכט זיך אַז ערשט נעכטן געבליט ווי אין אַ
גאָרטן, האָט מיין ראָטגערס סקווער,
אבנר טענענבוים, יאָהאַן פּאַליי, אומגעגאַנגען
זענען נאָך אויף איסט בראָדוויי.
פּנימער היסטאָרישע, יידישע געשטאַלטן,
טאָג און נאַכט סאָסייעטיס, מען האָט געגרינדעט
און געשפּאַלטן.

געצל זעליקאָוויטש, לעאָן זאָלאָטקאָף, תשר״ק
און חיים מאַליץ, און פּלאַטאָן ברונאָף,
שמואלזאָן און ציפּין, ענטין און לעאָנטיעוו.
פון קולטור, ליטעראַטור,
דער שפּיגל און דער יום-טוב.

קאַהאַן, מילער, פּייגנבוים, קאַפּלאַן און
ראַיעווסקי,
רויזנבלאַט און ראָזנצווייג,
גאָרדין און ווינטשעווסקי.

עדעלשטאַט און באָושאָווער, ראָזענפעלד, יהואש,
מאַרינאָוו און בודיאַנאָוו, און שין יאַנאָווסקי.
דאָקטאָר סירקין, באָראָכאָוו און חיים
זשיטלאָווסקי.
פּועלי ציון, עס-עס, טעריטאָריע, אוגאַנדע,
ווער אין גאָט עס האָט געגלויבט געמאַכט האָט
פּראָפּאַגאַנדע.
עס-על-פּי און עס-אַר, חברים און גענאָסן,

פראַזן הויך און פייערדיק, אין שונא׳ס לאַגער
האָט געשאָסן.
אין צייטונגען, גאַזעטן, פּרינצן און פּרינצעסינס,
שמרס העלדן פון ראָמאַנען, צונזערס לידער פון
די באַנען, אויך שוין לאַנג פאַרגעסן.

ליבינס ערשטע סקיצן, גאָרדינס בינע־וויצן,
מאָסליאַנסקי מיט די דרשות, גאָלדפאַדן — מחיה־
נפשות.
שונד־טעאַטער, זאָלאָטאַרעפסקי. אויף דער בינע
טאָמאַשעפסקי.
טאָרנבערג, מאָגולעסקי, ביי יעקב גאָרדין אין
דער דראַמע, אַבראַמאָוויטש איז די מאַמע,
קעני ליפּצין — די יתומה, לעאָן קאָברינס אַ
כאַמולע, דוד קעסלער — יאַנקל בוילע.

דוד פּינסקים „גרויסער ייד״, און וואָס איז מיט
„יאַנקל שמיד״?
און אַז די „שחיטה״ שפּילט די ליפּצין, איז
טעאַטער פול מיט זיפצן, קאָן זיך קיינער מער
נישט ווערן,
ווען די ליפּצין צאַפּט פון עולם טרערן.
אַדלער שפּילט אין „קעניג ליר״, טוט אַ בריל, „די
שליסלען אַהער!״
הויבן זיך צום פּאַטשן הענט, און פאַרהילכן די
ווענט.
ווערט דעם עולם היים און קאַלט, ווען דער
פאָרהאַנג פאַלט.
און קעסלער אין הירשעלע דובראָוונער, שטאָלץ
און זיכער ווי אַ מלך,
טוט זיך אַ צעזינג ״גם כי אלך״, גוסטאַוו שאַכט
אין „כאַצקל דראַכמע״, טוט זיך
אַ צעכליפּע, אַ צעיאַכמער, צעוויקלט אַ בלוטיקן
טלית, און טאָרנבערג מיט זיין
„אוי דלות, דלות!״

טאַמאַשעפּסקי מיטן פּענדעלע, טליתל און קרוינ־
דעלע, יידעלע און פידעלע,
תּורה׳לע און בורא׳לע.
און די העזה׳דיקע פּראָזע פון הורעוויץ לאַטיינער,
קלאַטשעדיקע סיטואַציע, ווערטער,
קלעצער, שטיינער.

נישט געבליבן שוין קיין זכר פון אַ סך פון מיינע
העלדן,
אַדלער, קעסלער, באַראַנדעס, אוים, נישטאָ שוין
קיינער,
געוואָרן לאַנג שוין איז פון יעדערן אַ מת,
אַ הויפן שטיינער, ביינער.
און אַז עס רעגנט נאָך דערצו היינט אַ גאַנצע
נאַכט, שטייען אַלע טיש און בענק
שוין ליידיקע, נישטאָ, עס וועט נישט זיין קיין
עולם,
אָפּגעשפּילט, עס שלאָפט שוין לאַנג
די קונסט אויפן בית עולם.

פּאָרטרעטן

טרעפט אַמאָל אַ פּרייטיק אויפדערנאַכט, איז
גער אַמאָל אַ פּרייטיק אויפדערנאַכט, איז
געפּאַקט דער זאַל אין קאַפּי ראָיאַל,
ווי אַ קאָמאַנדיר, אַ טרעגער, דער קעלנער ביי
דער טיר, אַ זעלנער
און מען זיך גאָט דערבאַרעמען, אויף דעם וואָס
וועט אים נישט דערוואַרעמען מיט אַ ניקל,
אַ צען-סענט שטיקל, אַ בייזער, אַ נערוועזער,
טוט ער דאַן אַ שטעל צום טיש דאָס וואַסער
אין די גלעזער.
פּונקט אינמיטן זאַל, אַרום אַ טיש מיט בענקלעך,
זיצט אַ כאַפּטע שרייבער, הייסן זיי
ביים קעלנער ליידיק-גייער, אַז עס וואָלט געווען
אַ האַלבער דאָלאַר אין מזומן געלט,
וואָלט מען איצט באַשטימט באַשטעלט א פּיינקוכן
פון צוויי אייער.

לעבן פענצטער זיצט אַ דאָקטאָר, מיט אַ כאַפּטע
אַלטע ווייבער,
צוליב די שלעכטע צייטן איז ער איצט אַ שרייבער.
איז ער דאָ דער וועלט-חכם, פילט זיך שטאָל און
אייזן,
באַרגט כסדר צייטונגען און ער ציילט די גרייזן.
און די טיר פון דער ראָיאַל ווי אַ קאַרוסעל זי
דרייט זיך,
דער אַרויס — דער אַריין, מע באַגעגנט און
צעשיידט זיך.

אַמאָל אַנטפּלעקט זיך דאָ דער קריטיקער, מיט
אַ שטאָלצן בליק, אַ זיגער,
נעמען אַלע סוד'ען זיך און שושקען: אָט זיצט
ער דאָרט, דער "גזלן, ניגער"!
ביכער רק ער שלינגט און לייענט. באַטאַפּט און
וויל צעקייען, פּיצלט, ברעקלט,

קלאָגט און וויינט „שווער עס צו פאַרדייען".
רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן, וועמען ניגער האָט
באַטיטלט גראַפאָמאַן:
„אַ שפּראַך ביי ניגערן, אַ שפּיציקע, אַ גאַליקע,
כ'שרייב דאָך שוין אַ שאָק מיט יאָרן,
היים איך אַלץ ביי אים אַ קאַליקע!"

בויגט זיך, נויגט זיך אַ בלאַסער יונגערמאַן,
שאַרט זיך פון אַנטקעגנדיקן טיש,
אַרום דער וואַנט און קלערט: ווען זשע וועט ער
פאַרט אַראָפּנעמען פון האַרץ די האַנט,
וועט שוין ענדלעך אָנערקענען אַז איך האָב
טאַלאַנט?
טראָגט דאָך אָבער ניגער אַ פּאָר קלאָרע ברילן,
גיי זשע נעם אַ קריטיקער פלוצלינג קריטיקירן,
וואָס פון סענטימענט-געפילן ער לאָזט זיך נישט
פאַרפירן.
איין מאָל אין דער וואָך, מאָנטיק אָדער מיטוואָך,
קומט אַרונטער פון עק וועלט, אַזש
פון קראָטאָנאַ פּאַרק רייזין אונדזער גרעסטער
דיכטער.
גראָד רייזין, לעבן זאָל ער, אויף לויב-געזאַנגען
איז נישט קאַרג, אַ באַזעלטער, באַשטראַלטער,
אַליין בקומען קאָמפּלימענטן פון רעדאַקציע-
פאַרוואַלטער.
רייזין נויגט זיך, גריסט זיך לענג און ברייט,
צו גרויס און קליין, נאָענט און ווייט,
קאַוואַליערמעסיק, גאַלאַנט, דריקט ער אַלעמען
די האַנט, און זשאַלעוועט נישט:
„איר זענט, איר זענט אויף מיין וואָרט,
אַ טאַלאַנט!"

„און דאָס מיידעלע, מיטן רויטן קליידעלע, קוק
נאָר אָן אַ חנ'דעלע!
איינגאַנצן ענלעך אויף מיין שיינדעלע! און די

חבר׳טע, אויך אַ ליבע מיידעלע,
אַ צערטלעכע, אַן איידעלע, הכלל,
איר זענט געניאַל!״

נעמט מען מיידלעך גלעטן פאַר די הענט, און
אַז אַ מיאוסע מיידל, קומט איר נישט
קיין קאָמפּלימענט?

און באַלד מאַרשירט אַריין הערמאַן גאָלד, דאַרף
מען אים נישט בעטן זיצן,
גאָלד טוט אַ שאָקל מיטן בערדל, און עס קנאַלן
וויצן.
נישט נאָר ווערטער סתם, אפילו לאַקרעץ,
קאַבעבע האָט ביי גאָלדן אויך אַ גראַם.
און אַז גאָט העלפט, נישט דאָ געדאַכט, ביי אַ
שרייבער אַ לויה, ווערט שוין איינער איבער
נאַכט אַן עסייאיסט, אַ דיכטער און איז זיך גאָר
מחיה.

לאַנג לעבן זאָל דער שרייבער וואָס האָט זיך
אָפּגעטראָגן, וועט ער שוין האָבן עפּעס
שיינס וואָס צו זאָגן.

ביים לעבן קאָן מען אין ראַיאָל דעם בעסטן
דיכטער אויך פאַרזען,
אים לאָזן זיצן אַ פאַרגעסענעם, אַ נישט געגע־
סענעם, ווי קיינמאָל נישט געווען.

דערפאַר אָבער, ווען גאָט העלפט, דער שרייבער
גייט „אויף יענער וועלט״,
מאַכט מען אים הספדים, און פאַראַדן אָן אַ גראָשן
געלט.
פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן איז מען גרייט זיך
צו פאַרמעסטן,
צו באַווייזן אויף צופלייסן, ווי ווייט עס גרייכט

ביי אונדז טאַלאַנט,
כאָטש דער גאַנצער הספד קלעפּט זיך ווי אַן
אַרבעס צו דער וואַנט.
און צום יאָרצייט פון אַ דיכטער קומט אַ שרייבער
מיט אַ טענה,
און ער ריטשעט אויף סאָפּראַנאָ און צעקלאָגט
זיך והוא רחום
מיט אַ טאָן אַ לאַ מנחם.
איינער זאָגט: דער דיכטער איז געווען אַ לינקער,
אַ יעווסעק אַן עכטער, פּשטל'ט באַלד אַ צווייטער,
אַ טעות, בסך הכּל אַלעמאָל
געווען אַ רעכטער! ווערט לויה אַ ספּעקטאַקל,
קייכט מען שוין פון גרויס געלעכטער.
און ווען דער טויטער דיכטער וואָלט רעדן נאָר
געקענט, וואָלט ער זיך צעברילט
ווי אַ לייב אַ ווילדער, אויסגעברומט אַ געשריי:
„ביים לעבן נישט געשאַנעוועט האָט פון אייך
איעדער איינער,
וואָס זשע קומט איר צו מיין יאָרצייט וועקן מיינע
ביינער?
פון די לידער און עסייען, גליווערט יעדעם אבר,
לאָזט רוען, איר קלאָגן, כאָטש איצטער אין מיין
קבר!”

פאַרוועלקט און אָפּגעבליאַקעוועט איז איצטער
שוין מיין איסט בראָדוויי.
אומעטיק, פאַר'חושכ'ט, לאַנגווייליק ווי אַ געניץ
איז שוין אויך ראָיאַל קאַפּיי!

די נייע מגילה

(צו לייענען מיטן טראָפּ)

א

ויהי בימי —
בשנת תיו-שין-הא
אַדאָלף שיקלגרובער,
אַ וואַנט-שמירער,
איז פּלוצלינג געוואָרן
ביי נאַצים אַ פירער.
באַהערשט ער דאָס לאַנד
מיט אַן אייזערנער רוט.
גיסן זיך טייכן
פון יידיש בלוט!

ב

בימים ההם —
אין די טעג פון טשעמבערליין.
באַשיצט מיט אַ שירעם,
נעמט היטלערן גלעטן,
איז פאַר אים מקריב
דאָס לאַנד פון סודעטן,
ווייזט אים אַ פינגער,
רייסט ער די האַנט,
ליגט שוין פאַרגוואַלטיקט
דאָס טשעכישע לאַנד!

ג

אחר הדברים האלה —
האָט היטלער דערשמעקט

דעם ריח פון בלוט,
איז אים געוואָרן
אַז וויל און אַז גוט.
ער וואַרט שוין נישט מער
מ׳זאָל אים באַווילִיקן,
רוצח פאַרמעסט זיך
אַ וועלט צו פאַרטיליקן.
בעלגיע דערשטיקט,
האָלאַנד צעטראָטן,
וועלט ווערט פאַרהילט
אין פינצטערן שאָטן,
מיליאָנען נפשות
אין לאַגערן קאָנצענטראַציע
טראַמפּלט אין שטויב
וועלטס ציוויליזאַציע!

ד

שולן און טעמפּלען
פאַרברענט און צעטראָטן,
צו דענקען, צו פילן,
צו אַטעמען, — פאַרבאָטן,
קירעוועט צוריק
דאָס ראָד פון פּראָגרעס,
פאַרצווייפלט שטייט וועלט
און וואַרט אויף אַ נס!

ה

ובמלואות הימים האלה —
איז אויפגעשטאַנען אין ענגלאַנד
אַ מענטש מיט געפיל,
טשעמבערליינס אָרט
פאַרנעמט ווינסטאָן טשערטשיל,

ער וויל פאַר דעם מערדער
נישט בוקן, נישט קניען,
טשערטשיל פאַרמעסט זיך
אויף היטלערס ממשלה,
וועלט שיקט היטלערן
אַן אייביקע קללה.
האָט ענגלנד גענומען
שמידן געווערן,
אין פּיין און אין בלוט,
אין שוויים און אין טרערן.
היימען און גאַסן
פאַרשאָטן אין שטויב,
עס יובלט דער נאַצי
ער האָפט שוין אויף רויב.
נעמט וואַקסן אין ענגלאַנד
דער שטאָלץ און דער צאָרן,
היטלערן אין אויג
אַ גיפטיקער דאָרן.
„ענגלאַנד קען נעמען,
אָבער אויך גיבן!"

ו

געזען אַז ער קען נישט
ענגלאַנד באַזיגן,
פאַרקירעוועט זיך היטלער
אויף סאָוויעטן צו קריגן,
נאָר ביז ער דערגרייכט
צו סטאַלינגראַד,
מוז ער גאָר לויפן „השיבנו נאַזאַד!"

ז

רוזוועלט און טשערטשיל
דאָן גיבן זיך די האַנט,

באַזיגן דעם נאַצי,
פאַרניכטן זיין לאַנד,
און ווען צו אַ צוגאָב
צו נאַצישער סוויטע,
איז אויך צוגעשטאַנען
דער געלער היראָהיטאָ,
איז געקומען אַ באַשלום:
אין קאַירא באַשטימט
אַ מפלה פאַר יאַפּאַן,
פאַר היטלערן אַ קבר
פאַרזיגלט אין טעהעראַן!

ח

פאַר נאַצישע הענקער
הענגען — די שטראָף,
פאַר היטלער-געזינדל
אַ פינצטערער סוף,
פאַר האָדעווען רבנים
נבילות, טריף,
פאַר קוועטשן פון יידישע מוחות —
זייף,
פאַר מיליאָנען נפשות
אין גאַז-קאַמערן,
זאָל נאַצי אין פלאַמיקן גיהנום,
זיך בראָטן און קלאַמערן,
סקילה, שריפה, הרג און חנק,
ניין, נישט גענוג, דאָס אַלץ איז ווייניג!
אָפּגעמעקט אויף אייביק
פון מענטשנס געדעכעניש,
מוז ווערן דער נאָמען
פון היטלער — המן!
ווידער זאָל וועלט

לעבן אין פרידן,
אַ היטלער־פּורים
האָבן זאָלן יידן!

ט

און געקומען איז דערנאָך אַ טאָג,
אויף היטלערן און הימלערן,
אויף ראָזנבערג און געבעלסן
איין גרויסע פינצטערע קלאָג,
עס האָט זיי אַלעמען געטראָפן
אַ שוואַרצער, גרויסער בראָך,
ווען עס איז געפאַלן
ווי אַ קאָרטן־שטיבל
דער נאַצישער יאָך.
יעדער שפּאַן ערד
אין לאַנד פון דעם נאַצי
געוואָרן איז וויסט
אונטער די אייזערנע קלעפּ
פון דער אָקופּאַציע.
צעטראָטן עס ליגט די נאַצישע שלאַנג,
ווען פון געטאָס דערהערט זיך
אַ מעכטיק געזאַנג,
באַגלייט פון צעריסענע
קייטן־געקלאַנג.
„צום אומגליק, צום חורבן,
עס קומט באַלד אַ סוף,
אייביקער האַס און נקמה,
פאַר נאַצים אַ שטראָף!"
הילף און רעטונג
דערגרייכט שוין צום ברעג,
און קדושים יובלען און זינגען:
„זאָג נישט קיינמאָל
אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!"

עס האָט דעם נאַצי־רוצח
אַרומגעכאַפּט אַ פּחד און אַן אימה
ווען עס האָט אין וואַרשעס געטאָ
אויפגעשאַלט דאָס נצחון־ליד :
„אני מאמין באמונה שלימה !”

י

נאַצי־שלאַנגען וואָיען איצט
און רעוועז,
מיט אַ הינטישער יללה,
ווען עס דערהערן זיך
די בשורות פון גאולה.
שירות, מעכטיקע, פלאַמיקע געזאַנגען,
עס איז די לופט פאַרקלונגען
פון גאולה־קלאַנגען !
א סוף עס קומט צום גיהנום,
דערלעבט זיך נייע צייטן,
הענט און פיס, הויט און ביינער
אָבער פריי פון קייטן !
טראָגט זיך אין דער לופט
די בשורה פון גאולה
דער וועלטס גרעסטער נס,
די בשורה מאַכט אַ רושם,
נאָך אַ שעה, נאָך אַ מעת־לעת
און עס ווערט באַפרייט
דאָס פאָלק ישראל, עם קדושים !
איבער געטאָס, איבער וועלטן,
שוועבט דער גייסט דער אייביקער
פון קדושים מיליאָנען,
אַ נייע בשורה גרייכט אין געטאָ :
„אין ישראל פלאַטערן שוין
די ווייס־בלויע פאָנען !"
אַ ליד, אַ חדוה׳דיקס,

צעשאָלט זיך אויף דאָס ניי,
און אַ גאַנצע וועלט באַגלייט אין כאָר
און זינגט: עם ישראל חי!
אויפגעהאָנגען ווערט דאָס גאַנצע
הינטישע געזינדל פון דעם נאַצי,
און פאַר דער גאָרער וועלט
אַ בשורה שאַלט:
ישראל׳ס דעקלאַראַציע!
פון ארבע כנפות האָרץ
ציען פליטים, צו אַ היים,
אַן אייגענע, אַ פרייע,
און אַ וועלט מיט יידן
כאַפן אויף די שירה פון גאולה,
אַ שאַלנדע, אַ נייע!

יא

ליהודים היתה אורה:
קלינגט עס אַ מעשה נורא
פון אַלע נסים גרעסטער נס:
געטאָ־יידן האַלטן מלחמה,
נקמת דם השפוך
פאַר זקן און יתומה,
צעפראַלן אויף שטויב געטאָ־טויערן,
גרייט מען תליות פאַר די נאַצים
פאַר פייניקן יידן
אין לאַגערן קאָנצענטראַציעס,
איבער שיפן, איבער באַנען,
אפילו אויך מיט עראָפּלאַנען
זאַמלען זיך באַפרייטע יידן,
פון איראַק, איראַן און תימן,
זינגען זיי, טאַנצן זיי,
עס קלינגט דער נייער הימן:

דורך בלוט און דורך פייער,
אויסגעלייטערט פון יסורים
געקומען איז אַ טאָג אַ נייער,
פרייט זיך יידן, לעבט אין פרידן,
עס האָט די וועלט אַ נייעם פורים!

מיין אויטאָפּאָרטרעט

(גראָטעסק)

געווידמעט : אַנטאָני און אַננאַ ריגאטי

א

דערציילט מיר אַנומלטן,
מיין בערטאַ,
די פּלונית'טע מיינע,
„עס האָבן גוטע פריינט
צו דיר אַ טענה :
„ס'טייטש, אַ מענטש אַ גרויסער,
און דאָך — אַ נאַרישער ייד,
דאַכט זיך אַריבער די זעכציק,
און זינגען, ער ווערט אַלץ נישט מיד".
זאָג איך, מ'קען זיי, יענע לייט,
ליידיק-גייער, האָבן אַ סך צייט,
טייטלען כסדר מיט די פינגער,
גלאַט גערעדט, בייזע צינגער.
„אַ ייד שוין איבער זעכציק יאָר,
פון פּאָרנט אַ פליך, אַ קאָפּ אָן האָר,
אַ טאַטע פון מיידלעך
דערוואָקסענע אַ פּאָר,
מעג שוין האָבן אַ טראָפּעלע שכל,
בלייבן שטיין רואיק פון וויטן,
ווען אַ מיידל וואַרפט אים אַ שמייכל.
כ'לעבן שוין צייט,
צו ווערן אַ לייט,
צו נעמען באַטראַכטן, באַקלערן,
אָנהויבן זאָרגן פון תכלית,
פאָרט, וואָס-זשע וועט ווערן?"

ב

זעץ איך זיך אַוועק
מיט בערטאַן,

מיר דאגה׳נען און טראַכטן,
ביז זי זאָגט מיר:
„הערסטו, מאַן מײַנער,
כ׳לעבן נישט כדאַי,
אייביק וועט מען דאָך
נישט לעבן, סײַ ווי סײַ״.
און אַז עס ווערט מיר
גאָר שוין שלעכט,
בין איך מיט איר מסכים:
„ווײַב מײַנס, טײַערס,
דו ביסט גערעכט.
כ׳האָב אָפּגעקלערט און אָפּגעטראַכט
אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
דעם שטערן געקנײַטשט
אַ גאַנצן מעת-לעת,
און איינס ווייס איך,
דאָס איז זיכער,
ווערן וועט פון מיר אַ מת!״

ג

נעמט איינער רעדן
מיט מיר פון תכלית,
און פרעגט מיך
וואָס איך האָב בדעה צו טאָן,
שטעל איך אים אויס
אַ קינדערשן שמייכל,
איך צעעפן ברייט די אויגן
און קוק אים גוט אָן:
„אייביק שפּאַנען זון אַנטקעגן,
זיך שפּיגלען אינעם רעגנבויגן
נאָך אַ רעגן״.
נאָכן שטורעם און גאַסרעגן
קומען באַבלומטע טעג, לרוב,

איז מיר ווויל און גוט,
און איך זינג: כי טוב!
יעדער טאָג אַ נייער בראשית,
יעדע בלום אַ פרישע יצירה,
דערפרייט עס מיך,
זינג איך שירה,
איז מה רעש?
די גאַנצע וועלט — מיין אכסניה,
מעשיות, לידער
מיין באַגאַזש!

ד

נאָר אויב שוין ווערן
יאָ „אומשטערבלעך"
ווי ביי „גדולים" זיך עס רעדט,
בין איך קודם נישט קיין גדול,
נאָר איך נעם מיין „שער און נאָדל"
און פאַרקאַטשע גלייך די אַרבל
מאָל אייך אוים פון מיר אַ צאַצקע,
יאָ, ווי רופט איר דאָס?
אַן אויטאָפּאָרטרעט!
טאַקע פון מיין אייגן פּרצוף,
פול מיט שאָטן, אַ טראָפּן ליכט,
און אָט־האָט־איר עס,
דאָס בין איך
בכבודי ובעצמי,
מיין ווינציקייט, אייער קנעכט,
מיט מיין צאַצקעדיק געזיכט.
און איך שווער אייך בנאמנות,
ביי מיינע זעקס־און־זעכציק יאָר,
מאָלן וועל איך אָן רחמנות,
קנאַפּע מעלות, מער חסרונות,
נישט געמינערט אויף אַ האָר.

ה

און איך נוץ קיין פאַרב און פודרע,
שמעק קיין בלימל נישט אין לאַץ,
איך האָב קיינמאָל נישט געקליבן
קיין קלינגענדיקע ווערטער
אויסצוצאַצקען מיר אַ זאַץ.
חסרונות ? יאָ, אי האָב אַוודאי,
צו וואָס פאַרגלעטן זיי מיט שמינק ?
מענטשן זעען נישט אייגענעם הויקער
מורמלט מען אויף מיר,
מ'זאָגט — איך טרינק.
נאָט אייך נאָך אַ שטיק חסרון,
אַ לעגענדע שוין פון כמה יאָרן,
מ'זאָגט : איך שפרינג
ווי אַ פויגל אויף דעכער
אַהין און צוריק איבער וועלט,
און קעשענעס האָב איך מיט לעכער,
האַלט זיך אין זיי נישט קיין געלט.
זאָג איך : די מעשה איז אַן אמת,
עס איז שוין אַ מעשה פון יאָרן,
אַזוי און נישט אַנדערש,
עס איז פון געבוירן,
איך שטיי נישט,
איך האַלט נאָך אין פאָרן !
נו, איצט אַ מעשה מיט טרינקען,
טרינקען כוסות אָן אַ צאָל,
געוועז אַמאָל אַ טרינקער, אמת.
נאָר מאַלע וואָס געוועז איז אַמאָל.
טרינקען — ווי טרינקען,
זינגען דער עיקר,
פאַרזינגען דעם אומעט,
די לאַנגוויל,
זאָל מיינען די וועלט,
איך בין שיכור.

נו, לאָז איך זיך אויס,
אין האַרציקער פרייד,
אין האַרצן אַ פייער
זאָל ברענען,
זינג איך פון לוסט,
עס שטורעמט די ברוסט,
זינגען אַזוי, דאַרף מען קענען!

ז

יאָ, עס איז אמת אַז איך בין
ווי אַ סטרונע, שמאָל און דין,
אַ לאַנגער און אַ הויכער
און דערצו כסדר איך רויכער,
און שלינג ציגאַרעטן,
און זינג אויף באַנקעטן
מ׳דאַרף מיך אפילו נישט בעטן!
ציען טעג ווי וואָלקן גרויע,
חלום איך פון נעכט כאָטש בלויע,
שפּאַציר איך מיר מיט דער לבנה,
צייל די שטערן מיט כוונה,
קושט לבנה מיך אין באַק
קלייב איך רענדלעך
אַ פולן זאַק.
לבנה-שטראַלן, הימלען בלויע,
פאַרגלעטן מיינע טעג די גרויע.
נאָך אַ שטורעם, אַ גאָסרעגן,
שפּאַן איך ווידער זון אַנטקעגן.
גייט אויף זון אין מאָרגנרויט,
פאַרגעס איך אַז עס פעלט אויף ברויט.
און מיין בערטאַ, שיין און איידל,
רויטלט זיך, אַ כלה-מיידל,
אַ מלכה אין אַ ציצן-קליידל.
גיב איר אַ שטיבל במקום אַ הויז,

ווערט עס אַ פּלאַץ, מיילן די גרויס.
פון אײדן טישל, פון אײדן ווינקל
שײנט אַראָפּ אַ רויטע רויז!

ז

זינגט דאָס האַרץ
אין מיר כסדר,
עלעהיי אַ ייִנגל,
פריי פון חדר,
טאָ וואָס מיר סדר,
ווער מיר טאָלק,
אַז איך וויל נישט זיין קיין גדול,
בין אַ ייִד אַ פּשוטער,
גלאַט, איינער פון פאָלק.
יאָ, איך ווייס, מ'רעדט,
נאָר, ווייסיך... עט!
„אַזאַ ייִד ווי איך אין יאָרן,
האָט אַ שרעקלעכן חסרון,
אָנשטאָט עלטער — זעט אויס יונגער,
קאָן נישט רוען מיט אַ פינגער,
האָט אַ פּנים פון מעפּיסטאָ,
און צוויי טייוול-ברעמען שוואַרץ".
אָבער, אַ פּאָר קינדערש-דינע ליפּן,
און אַ פידל שפּילט אין האַרץ.
טאָ דולט מיר נישט דעם קאָפּ מיט חשבון,
ציילט מיר נישט דאָס ביסל יאָרן,
רעדט מיר נישט פון טאָלק און סדר,
עלעהיי ס'איז זעכצן מיר געוואָרן,
כ'בין ערשט היינט אַרויס פון חדר.
ס'איז מיין נחת, פאַרגעניגן,
צו פאַרגיין זיך אין אַ ניגון,
קאָן איך זינגען זיבן שעה'ן,
רויטלען זיך מיידלעך,

קוועלן אָן פּרויען,
ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער,
זינג איך פרישע זיבן לידער.

ח

שטייען מאַנצבילן אָנגעכמורעט,
קאָכט און זידט אין זיי די קנאה,
נעמט מען רעדן לשון הרע,
זשומט און ברומט אומזיסטע שנאה,
שמייכלט זיס צו מיר מיין בערטאַ,
אירם אַ פינגער גלעט מיין האַנט,
רויכער מיר אַ ציגאַרעטל,
זי דערלאַנגט מיר שטיל אַ צעטל:
„זאָל דיך אַרן ווי די וואַנט!"
דו קענסט דאָך זיי, די פיינע לייט,
גיב אַ קוק, זייט ביי זייט,
כאַפּ אַ בליק אין פאַלשע אויגן,
נו, מיר ווייסן,
אַ רכילות איז געפלויגן".

ט

און ווען איך קום אַהיים ביינאַכט,
שמייכל איך, קלער און טראַכט,
אַט דאָס אַלץ איז נישט קיין סימן,
אַז דער אַנדערער איז בעסער.
ווייל פון זאָגן און פון רעדן,
איך ווער נישט קלענער
און נישט גרעסער.
אַ מענטש דאַרף זיין
אַ בעל-הבית
אויף זיין אייגן שטיקל לעבן.

אַמאָל איז ער שלעכט,
אַן אַנדערש מאָל גוט,
און איך — בין ביידע.
און וועל בלייבן כסדר
מ—אַ—ל—אַ—מ—ו—ט.

מיין גאָלדענער האַרבסט

געווידמעט מיין פריינט אהרן טשעפּמאַן

געבענטשט איז געווען אין פרילינג דיין זריעה.
חלומות שיינע — דיין זוניקער זומער,
און איצטער אַ גאָלדענער האַרבסט,
שניידסטו דיין שניט ביי דער שקיעה.

רויזען און ליליען אין דיינע גערטנער,
בלומען און קווייטן אויף דיינע שטעגן
קומען שניטער מיט די סערפּן,
טראָגן פולע בייטן דיר אַנטקעגן.

וואָס פאַרזייט האָסט מיט טרערן,
שניידסטו איצטער מיט געזאַנג,
יעדער שטראַל פון זונפאַרגאַנג,
אַ באַלוינונג פאַר שטורם און דראַנג.

מאַמע־ערד וועט דיך איינזאַמלען,
אייביקער שלאָף דיך וועט פאַרוויגן,
גאָלדענער האַרבסט וועט דיך איינדעקן
אין רואיקן שלאָף איז גיחא צו ליגן!

ארצה עלינו

ישראל־מאטיוו

געווידמעט מיינע פריינט בען און גאָסי סאַפּקין

אַהיים אַנגעקומען,
לאַנד איינגענומען,
גלות אויף אַ היים
פאַרביטן!

זומפּן פאַרשאָטן,
שלאַנגען צעטראָטן,
צרות ....
אַ וועלט אויסגעליטן!

אויף שטעגן און וועגן,
היצן און רעגן,
געפאָרן ....
מיר גייען אַנטקעגן!

מיר שפּרייטן געצעלטן,
פאַר שטורעמס און קעלטן,
בויען מיר ....
שענערע וועלטן!

מיר גראָבן שאָסייען,
מיר פלאַנצן אַלייען,
מידבר ....
מיט בלומען מיר זייען!

לאַנג שוין צעאַקערט,
לאַנד שוין פאַרזייעט,
און טאַקע ....
שוין געשניטן!

תל־אביב, חנוכה, תש״ך

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה	7
סניטקיוו, מיין שטעטל	13
אַ פרימאָרגן פאַר אַ יאַריד	18
איציק זיסע	29
ערב שבת	34
שקצים, זאָל זיין שטיל, מ׳לייענט אין דער תורה	39
מיינע לידער	47
ברעקלעך פון מיין שרייבטיש	48
אין די בערג פון קאָלאָראַדאָ	49
אינעם גאָרטן פון די געטער	53
קאַפּריז	56
וויין־לידער	60
דער חאָס קען נישט און טרינקט	62
קרום געבוירן	64
די באַלאַדע פון איסט בראָדוויי און ראָיעל קאַפעי	69
פּאָרטרעטן	74
די נייע מגילה	78
מיין אויטאָפּאָרטרעט	86
מיין גאָלדענער האַרבסט	93
ארצה עלינו	94

פון זעלבן מחבר:

מעשה׳לעך פאַר יידישע קינדער — סט. לואיס
טייבעלעך — לאָס אנדזשעלעס
געזאַמלטע שריפטן — באָסטאָן
קינדער־יאָרן — ניו־יאָרק
סניטקיוו, מיין שטעטל, 1־טע אויפלאַגע — ניו־יאָרק
ריטמישע רעציטאַציעס — ניו־יאָרק
איסט בראָדוויי און אַנדערע לידער — ניו־יאָרק
16 לידער צום זינגען — ניו־יאָרק,
2־טע אויפלאַגע — לאָס אַנדזשעלעס
פילא. יידישע אַנשטאַלטן (געשיכטע) — פילאַדעלפיאַ
די סדר־נאַכט (איינאַקטער פאַר קינדער)
צעריסענע קייטן (גרויסער ראָמאַן) — פילאַדעלפיאַ
מיטן פנים צו דער זון — לאָס אַנדזשעלעס
סניטקיוו, מיין שטעטל — יובל אויסגאַבע, תל־אביב, ישראל.

אין ענגליש:

„סאָוטהוועסט דזשורי״, באַנד 1, 2 און 3 — לאָס אנדזשעלעס.
„סאָוטהערן דזשורי״, — מעמפיס, טענעסי.
„הו איז הו אין פילאַדעלפיאַ — פילאַדעלפיאַ.

אדרעס פון מחבר:

בית הפאַרבאַנד ע״ש המלין, 30 ווייצמאַן גאַס, תל־אביב, ישראל